STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04834

# DOS YIDISHE KULTUR-LEBN IN POYLN TSVISHN BEYDE VELT-MILHOMES

Shelomoh Shvaytser

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Elliot & Renee Altman Fleischer*
*in memory of*
*Helen & Ben Zion Altman and Esther & Benjamin Fleischer*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שווייצער

# דאָס יידישע קולטור־לעבן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות

סעפּאַראַטער אָפּדרוק פון יאָרבוך ב׳ פון דער וועלט־פעדעראַציע פון פּוילישע יידן
תל־אביב תשכ״ח — 1967

שלמה שווייצער

# דאָס יידישע קולטור-לעבן אין פּוילן צווישןביידע וועלט-מלחמות

## אַריינפיר

די פינפונצוואַנציק יאָר, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, זענען געווען די יאָרן, אין וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעפורעמט די געשטאַלט פון דעם מאָדערנעם פּוילישן יידנטום. דאָס דריי און אַ האַלב מיליאָניקע פּוילישע יידנטום איז אין משך פון דעם דאָזיקן פערטל יאָרהונדערט אויסגעוואַקסן צום שאַפערישסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט און איז געוואָרן דער יורש פון דעם פריערדיקן כמעט זעקס־מיליאָניקן קיבוץ אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געדינט ווי דער צענטער פון פאָלק.

דערפירט דערצו האָבן אַ ריי היסטאָרישע גורמים. אין דער ערשטער ריי — דאָס ווידעראויפלעבן פון אַן אומאָפּהענגיקן פּוילן, וואָס האָט אַ חוץ די טיילן פון דעם אַמאָליקן פּוילישן קינגרייך אין די גרענעצן פונעם פריערדיקן צאַרישן רוסלאַנד אַריינגענומען אויך די פריער עסטרייכישע גאַליציע (די מערבדיקע און די מזרחדיקע). די פּאָמערן און פּויזנער געגנט פונעם פאַרמלחמהדיקן דייטשלאַנד ווי אויך געוויסע טיילן פון ליטע, ווייסרוסלאַנד און וואָלין.

דער צווייטער גורם איז געווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס האָט דאָס גרויסע רוסישע יידנטום כמעט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין אַנדערע לענדער.

אָבער די עיקר־סיבה פאַרוואָס דאָס פּוילישע יידנטום איז דערגאַנגען צו דער פירנדיקער ראָל אינעם פאָלק האָט געשטעקט טיף אין די דינאַמישע אַנט־וויקלונג־כחות פון דעם דאָזיקן קיבוץ גופא, וואָס האָט אין אַן עפּאָכע, ווען די אַסימילאַציע האָט אין אַנדערע לענדער שטאַרק אַנגעגריפן און באַשעדיקט די

יידישע יישובים, באַוויזן זיך אַרויסצושטעלן ווי אַ מענטשלעך שטאָלצער, נאַציאָנאַל קאָנסאָלידירטער, קעמפערישער קאָלעקטיוו.

דאָס פוילישע יידנטום פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ דורות־לאַנגער אָנזאַמלונג פון מאַטעריעלע און גייסטיקע שאַפונגען און ווערטן, אַ מיזוג פון שטייגערס מיט לאָקאַלע קאָלאָריטן און טראַדיציעס.

שוין מיט לאַנגע דורות פריער האָט דאָס פוילישע יידנטום פאַרנומען דאָס צענטראַלע אָרט אין דעם יידישן לעבן אין דער וועלט. בעת פוילנס ערשטער צעטיילונג אין יאָר 1772 האָט דאָס פוילישע יידנטום אויסגעמאַכט 70 פּראָצענט פון די יידן אין דער וועלט (און אַן ערך 80 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל אשכנזישע יידן אין דער וועלט).

אין פוילן האָבן יידן פון קדמונים אָן געוווינט אין קאָנצענטרירטע ישובים, כמעט איזאָלירט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. זייער עקאָנאָמישע באַזע איז געווען אַ פאַרזיכיקע און האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע דורות, פאַקטיש ביז צום מלחמה־אויסברוך. דאָס האָט פאַר זיי געשאַפן אויך אַ געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט אפילו ריין אָביעקטיוו געפירט צו קולטורעלער און נאַציאָנאַלער אָפּגעהיטקייט, דערצו נאָך אַז דאָס איינהאַלטן פון דער רעליגיעזער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אייגנאַרט איז ביי זיי תמיד געווען אַ קאָלעקטיווער אימפּעראַטיוו און איז באַוווסטזיניק קולטיווירט געוואָרן.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן פוילישן יידישן כלל איז פון תמיד אָן געווען זיין זאָרג פאַרן חינוך פון די יונגע דורות און פאַרן אויפהאַלטן דאָס רעליגיעזע און קולטור־לעבן פון די דערוואַקסענע.

ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַרום דער יידישער באַפעלקערונג אַ קולטור־מחיצה, וואָס האָט זי כמעט הערמעטיש אָפּגעטיילט פון דער נישט־יידישער אַרומיקער וועלט, האָט זי פאַרהיט פון אַסימילאַציע און איז געווען דער יסוד, אויף וועלכן ס׳האָט געקענט געדייען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, וואָס האָט שפּעטער זיך גענומען טיילווייז אָדער צומאָל אפילו אינגאַנצן אָנפילן מיט אַן אַנדער תוכן, אָבער איז תמיד דאָך פאַרבליבן אייגנאַרטיק נאַציאָנאַל.

אפילו דאַן ווען די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג (פון קאָנגרעס־פוילן און גאַליציע) האָט אין די לעצטע יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם און אין אָנהויב פונעם היינטיקן יאָרהונדערט גענומען אַריינדרינגען צווישן די יידישע מאַסן און אַ טייל פון זיי געשטויסן פון די קליינע שטעטלעך אין שטאָט אַריין, האָט עס אויך נישט שטאַרק משפיע געווען אויף זייער עקאָנאָמישער, געזעלשאַפטלעכער און במילא

אויך קולטור־עלער אָפּגעזונדערטקייט כלפּי דעם נישט־יידישן אַרום. בלויז אַ דינע שיכט פון דער אויפגעקומענער גרויס־בורזשואַזיע איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך אַסימילאַציע־טענדענצן, דאַסגלייכן אַ טייל פון דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויסבילדן. אויף די ברייטע מאַסן פון דעם קליינביר־גערטום, פון די באַלמעלאָכעס און אַרבעטער האָט אַסימילאַציע קיין שליטה נישט געהאַט.

אמת איז, אַז אַ ריין שפּראַכלעכער צופּאַסונג־פּראָצעס איז אין אַ געוויסער מאָס יאָ אָנגעגאַנגען. וואָס אַ מאָל מער האָבן יידן גענומען רעדן אַ קאָרעקטן פּויליש, אפילו פרומע יידן. ווער רעדט נאָך די, וואָס האָבן, ווי אין גאַלי־ציע, דורכגעמאַכט די שוין דאַן אָבליגאַטאָרישע פאָלקס־שול (וואָס האָט אין רוסישן פּוילן נישט עקזיסטירט). אָבער אין דעם פאַל איז די אַסימילאַציע פאַרבליבן בלויז אַ שפּראַכלעכע, אַן אויבערפלאַכלעכע. זי האָט לחלוטין נישט אָנגערירט דעם נאַציאָנאַלן מהות און באַוווסטזיין פונעם יידישן מענטש.

אָבער אפילו אַסימילאַציע ווי אַן אידעאָלאָגיע, וואָס האָט ווי באַקאַנט, אין סוף פון פריערדיקן און אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן, אַריינ־דרינגען אין געוויסע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, אין אירע „שפּיצן״, האָט שוין הארט פאַר דער מלחמה זיך גענומען אייננברעכן. זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן איר גלאַנץ און צוציִונג־קראַפט. דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם (באָיקאָט וכדומה) האָט אין אָט דער אַסימילאַציע שטאַרק געטראָפן. די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן דעם דאָזיקן פּראָצעס נאָך מער פאַרשאַרפט און אונטערגעיאָגט.

אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן נייע אידעען וועגן נאַציאָנאַלער דערוואַ־כונג פון ביז דאַן אונטערדריקטע פעלקער. זיי זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך ווילסאָנס באַרימטע פערצן פּונקטן, זיי זענען אויפגעשריבן געוואָרן צווישן די פרייהייט־לאָזונגען שוין אין דער צייט פון דער רוסישער מערץ־רעוואָלוציע. פאַר די יידן ספּעציעל איז צוגעקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס האָט פריי געמאַכט טיפע פאַרבאָרגענע שטרעבונגען און האָפענונגען און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ ווירקנדיקן געזעלשאַפטלעכן גורם.

אפילו ביי די טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן שוין באַוויזן זיך אינגאַנצן צו דערווייטערן פון דער יידישער קולטור־ספערע און זיך איינצולעבן אין דער פּוילישער, האָט דער אויפגעוואַכטער יידישער נאַציאָנאַלער דראַנג געשטויסן צו שאַפן יידישע ווערטן אויף פּויליש. אַ גרויסער טייל פון דער

אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט אפילו צוריקגעפונען זיין וועג צו דער שפּראַך פון די מאַסן.

דערביי לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין אַ היפּשן טייל פון דעם נייעם פוילן, אין וואָלין, רייסן, ליטע, ווו די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַ באַזונדערס געדיכטע, איז די יידישע אינטעליגענץ אויך אין פּרט פון שפּראַך געהאַט פאַר־בליבן כמעט אינגאַנצן אַ יידישע. די אָרטיקע נישט־יידישע באַפעלקערונג, וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון אוקראַינער, ווייסרוסן און ליטווינער, האָבן מיט זייער נידעריקער קולטור נישט געקאָנט משפּיע זיין די יידישע באַפעלקערונג — די מאַסע צוזאַמען מיט דער אינטעליגענץ האָט דאָרט אויפגעהאַלטן דעם פולן יידישן לעבנס־שטייגער און איז געווען אַ גרייטע צו קענען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אינעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן אויפשטייג אין דעם גרויסן פויליש־יידישן קיבוץ, צו וועלכן דער היסטאָרישער גורל האָט זי צוגעשמידט.

האָט זיך אויפן שטח פון דער נייער פּוילישער רעפּובליק אָנגעהויבן אַן אינטענסיווער אויפבוי־פּראָצעס אין יידישן לעבן, אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיין גלייכן נישט געהאַט אין דער פריערדיקער געשיכטע פון פּוילישן יידנטום.

די אין משך פון דורות אָנגעהויפטע ענערגיע, די שטרעבונגען און בענק־שאַפטן האָבן אין דעם יידישן קיבוץ אין פּוילן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געפונען דאָס גינציקע אָרט אויסגעלאָדן צו ווערן און צו שטויסן צו קאָלעקטיווע טואונגען אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן לעבן. אַלע שאַטירונגען, אַלע ריכטונגען, אַלע שטרעמונגען האָבן זיך אין דעם דאָזיקן שאַפן באַטייליקט — פון תורה און מצוה־יידן ביז עקסטרעם לינקע.

טראַדיציע איז געווען איבערגענוג. יעדע שטרעמונג, יעדע באַוועגונג האָט געהאַט אין עפּעס וואָס אָנצוקניפּן. געווען פון איין זייט אַ לאַנגע טראַדיציע פון רבנים און גאונים, פון חדרים און ישיבות, פון פרומקייט און וויללערענען, פון חסידות און רביישע הייף. געווען פון דער אַנדערער זייט די קירצערע טראַ־דיציע — דערפאַר אָבער מיט נישט וויניקער פּאַטאָס און אימפּעט אָנגעלאָדענע — פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַפרייונג־באַוועגונגען, פון סאָציאַליזם און פון ציוניזם, פון דער מאָדערנער העברעישער און פון דער ניי אויפגעקומענער יידישער ליטעראַטור. צו די דאָזיקע טראַדיציעס, וואָס האָבן אייגנטלעך אַלע טיף געוואָרצלט אין דעם ווילן פון פאָלק איינצוהאַלטן זיין קיום און זיין אייגנאַרט, זענען פאַר דער צייט צוגעקומען נייע סטימולן פון געזעלשאַפטלעכער און גייס־טיקער אַקטיוויטעט אַרויסגערופענע דורך די כסדרדיקע אַנטוויקלונגען פונעם לעבן גופא.

אַנגעהויבן האָט זיך די דאָזיקע — לײדער לעצטע — תקופה אין דער געשיכטע פון יהדות־פּוילין אונטערן צייכן פון נגישות און רדיפות, וואָס די פּוילישע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין די ערשטע מלחמה־חדשים מצד דער אָפּטרעטנדיקער צאַרישער אַרמיי.

פאַרגעזעצט האָט זיך די דאָזיקע פינפאונצוואַנציק־יעריקע תקופה שוין אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן אויך אין באַדינגונגען פאַרפאָלגונגען און דיסקרי־מינאַציעס. נישט קיין ווירטשאַפטלעכער אויפשוואונג, נישט קיין מאַטעריעלער וווילטאָג האָט די פּוילישע יידן באַגלייט אין דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט פון זייער אַזוי רייכער און מיט גייסטיקע ווערטן און שאַפונגען אָנגעלאָדענער געשיכטע. רעכטלעכע און עקאָנאָמישער רדיפות, פון צייט צו צייט פּאָגראָמען, מאַטעריעלע נויט, אפילו הונגער — אַזאַ איז געווען דער גורל פון די יידישע מאַסן אינעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן. און דאָך האָט דער גייסט זייערער נישט געהוט. זייער שאַפערישע ענערגיע האָט נישט געוווסט פון קיין אָפּשטעלן זיך. זיי זענען קיינמאָל נישט באַהערשט געווען פון קיין יאוש־שטימונגען. דער גלויבן זייערער אין אַ בעסערן מאָרגן האָט זיי נישט אָפּגעלאָזט. און אויך נישט דער טעטיקער ווילן דעם טרוים וועגן אַ בעסערן מאָרגן צו פאַרווירקלעכן. ווער פון זיי ס׳האָט אַט דעם טרוים געזען אין אַ יושרדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, אויסצו־קעמפן אויפן אָרט, ווער ס׳האָט זיין טרוים געזען פאַר זיך און פאַרן פאָלק אינעם אויסגעבענקטן ארץ־ישראל, אָדער ווער ס׳האָט אין זיין וויזיע פאַרייניקט ביידע שטרעבונגען צוזאַמען — אַלע זענען זיי געשטאַנען אין טעגלעכן געראַנגל מיט דער ווירקלעכקייט, מיט וועלכער קיינער האָט נישט שלום געמאַכט און נישט געוואָלט שלום מאַכן.

דער מצב האָט פאַרלאַנגט מעשים. דאָס לעבן האָט גערופן צו טעטיקייט, צו אַליינטעטיקייט. ס׳איז נישט געווען אויף קיינעם זיך צו פאַרלאָזן. דאָס רוסישע יידנטום מיט וועלכן דער גרעסטער טייל פונעם פּוילישן יידנטום איז ערשט מיט געציילטע יאָרן פריער געווען איינס, געלעבט און געשאַפן מיט אים צוזאַמען, זיך געגערט פון אים און אים געגערט, איז געווען אָפּגעריסן. דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז געווען ווייט און איז נאָך דאַן נישט געווען דערגאַנגען צו דער קולטור־מדרגה, וואָס עס האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערוואָרבן.

האָט מען געדאַרפט שאַפן אַליין. שאַפן פאַקטן — פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע, קולטורעלע. די פאַקטן זענען געשאַפן געוואָרן און האָבן ביסלעכווייז איבערגעאַנדערשט דעם פּרצוף־פּנים פון דער יידישער מאַסע, איר גאַנץ אינערלעך וועזן און אויסגעבילדעט פון איר אַ באַוווסטזיניקן קאָלעקטיוו. ס׳האָט זיך אויס־

געפֿורעמט דער טיפּ פֿון דעם מאָדערנעם שטאָלצן יידן, וואָס האָט נישט געזען אין זיך קיין סתירה צווישן דעם יידן און דעם מענטשן, וואָס האָט געמוזט וועקן צו זיך רעספּעקט מצד דער אויסערלעכער וועלט, פֿאַר וועלכער ער איז דערשינען ווי אַ גאַנצער מענטש, מחמת ער האָט נישט געמאַכט קיין סוד פֿון זיין פּולער יידישקייט. דאָס איז געווען דער נייער נוסח פּוילן, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי דער קלימאַקס פֿון נוסח אשכנז.

אין די טריבע דורך די געשעענישן פֿאַרוואָלקנטע, פּרילינג־טעג פֿון 1915, ווען יידן, אַרויסגעטריבענע פֿון די שטעטלעך, האָבן גענומען אָנפֿילן די יידישע הייף אין וואַרשע, זענען אויף דער איניציאַטיוו פֿון י. ל. פּרץ געשאַפֿן געוואָרן די ערשטע יידישע פֿאָלקס־שולן אין פּוילן טאַקע אין די פּליטים־היימען גופא. שוין דאַן האָט די יידישע נויט געבוירן ממשותדיקע טאַטן אויפֿן געביט פֿון יידישן גייסטיקן לעבן. פֿון דאַן אָן האָט די יידישע נויט — די מאַטעריעלע און די גייסטיקע — כסדר גערופֿן צו נייע איניציאַטיוון, צו נייע אויפֿטוען.

אין די ניי געשאַפֿענע באַדינגונגען פֿון דער דייטשישער און עסטרייכישער אָקופּאַציע, בעת וועלכער דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אין לאַנד איז נישט געקוקט אויפֿן מלחמה־צושטאַנד, דאָך לייכטער געווען ווי אין די פֿריערדיקע דראַקאָנישע צאַרישע צייטן, האָבן פֿון זייערע באַהעלטענישן ביסלעכווייז גענומען אַרויסשלייכן די ביז דאַן אומלעגאַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס. די יידישע פּרעסע, וואָס איז געהאַט אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט, האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען פֿון דאָסניי. ס׳האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פּולסירן אַ יידישע געזעלשאַפֿטלעך לעבן, וואָס האָט שוין ביי די וואַלן צום ערשטן וואַרשעווער שטאָטראַט (יולי 1916) באַקומען אַ פּאָליטישן כאַראַקטער און געבראַכט צו אַ וואַל־פֿאַרמעסט צווישן ריכטונגען מיט בולט־פּאָליטישע באַפֿאַרבונגען.

אָבער ערשט מיטן פּראָקלאַמירן פֿון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט (נאָוועמבער 1918) האָט זיך דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע לעבן פֿונעם פּוילישן יידנטום גענומען אויסקריסטאַליזירן און אַנטוויקלען.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט דערוואַכט צו אַ פֿיבערדיקן פּאָליטישן לעבן. אויף דער פּוילישער גאַס איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל צווישן די פּאָליטישע פּאַרטייען פֿאַר דער אָנפֿירערשאַפֿט מיט דער צו תחית המתים אויפֿגעשטאַנענער מדינה. צום דאָזיקן געראַנגל האָבן זיך די יידישע פּאַרטייען געפֿילט ווי גלייכע שותפים, האַלטנדיק די יידישע באַפֿעלקערונג, וועלכע זיי האָבן פֿאַרטראַטן, ווי אַ גלייכ־

באַרעכטיקטן טייל פון דער פּוילישער רעפּובליק און וועלנדיק גלייכצייטיק פאַר־זיכערן פאַר די יידן די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין הסכם מיט די דורך דעם ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך פּראָקלאַמירטע פּרינציפּן, צו וועלכע ס׳האָבן זיך געהאַט פאַרפליכטעט די פאַרשטייער פון דער פּוילישער מלוכה.

כאָטש די דאָזיקע פאַרפליכטונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי פּוסטע, איז אָבער די אַטמאָספער, וואָס איז אַרום זיי אַנטשטאַנען געווען אַ באַדייטנדיקער סטימול צו יידישער נאַציאָנאַל־שאַפערישער אַרבעט אויף אַלע קולטור־געביטן.

פּוילן איז געווען דאָס קלאַסישע לאַנד פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער, דייטשן און אפילו טשעכן האָבן פאַרלאַנגט זייערע נאַציאָנאַלע רעכט ספּעציעל אויפן געביט פון שול־וועזן און פון קולטור. די יידישע מינדערהייט, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַן ערך 11 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, איז פון די פאָדערונגען פון די אַנדערע מינדערהייטן היפּש דערמוטיקט געוואָרן אין אירע אייגענע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען. דאָס האָט אָפט געבראַכט צו געמיינזאַמע פּאָליטישע אַרויסטריטן פון די יידישע פאַרשטייער מיט די פאַרשטייער פון די אַנדערע מינדערהייטן.

די פּוילישע רעגירונג האָט אָבער געהאַט איר אויסגערעכנטע פּאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק און האָט אַלץ געטאָן כדי די פאָדערונגען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איגנאָרירן נישט אָדער וואָס וויניקער נאָכצוקומען.

אַ חוץ דער אַלגעמיינער פּאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק, וואָס איז געריכטעט געווען קעגן אַלע מינדערהייטן, האָבן יידן געהאַט נאָך אויסצושטיין דעם אָפיציעלן אַנטיסעמיטיזם, וואָס זיין גיפטיקייט פלעג זיך בייטן פון איין רעגירונג צו דער צווייטער, וואָס האָט אָבער בדרך כלל געהאַט אַ טענדענץ צו שטייגן כסדר און איז דערגאַנגען צו זיין הויכפּונקט אין די סאַמע לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ס׳האָט שוין אין פּוילן געהערשט אַ פאַקטישע רעכטלאָזיקייט פון דעם יידן, פון זיין שפּראַך און פון זיין קולטור.

גיט מען נאָך צו די מאַטעריעלע נויט, אין וועלכער ס׳האָבן געלעבט די יידישע מאַסן אין דעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן, אַ נויט וואָס איז כסדר געוואַקסן ווי אַ רעזולטאַט אי פון דעם אַלגעמיינעם, כמעט פּערמאַנענטן קריזיס אין לאַנד, אי פון דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון דער שנאה מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג (פריער גראַבסקיס „עגלה״, שפּעטער פּאָליטיק פון עקאָנאָמישער פאַרניכטונג, פון באָיקאָט, פון „אָושעם״, דאָס נישט דערלאָזן צו פיזישער און גייסטיקער אַרבעט, „בענק״ אויף די הויכשולן, שחיטה־וואָקכאַנאַ־ליע און לסוף פּאָגראָמען — פּשיטיק, בריסק, מינסק־מאַזאָוויעצק א.א. „באַראַ״־

כוליגאַניזם און בלוטיקע איבערפאַלן) דאַן באַקומט זיך אַ באַשטימט בילד פון דעם מצב, אין וועלכן ס׳האָט געלעבט דאָס פוילישע יידנטום צווישןביידע וועלט־מלחמות.

און ווי מערקווירדיק און ממש אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט זיין, האָט דאָס פוילישע יידנטום דווקא אין די 25 יאָר, ביי ד ע ם מצב זיינעם, באַוויזן וווּנדער־אויפן געביט פון גייסטיקער שאַפונג.

יאה עניותא לישראל. זעט אויס, אַז גראָד דאָס פעלן פון מאַטעריעלן ווילטאָג און פון אַנדערע באַקוועמלעכקייטן האָט די יידישע מאַסן, די יידישע געזעלשאַפט, די יידישע פירערס אַנגעשפּאַרנט צו טאָן. זאָל דאָ אגב באַמערקט ווערן, אַז די נאָכמלחמהדיקע יידישע ווירקלעכקייט האָט באַשטעטיקט די אַנדערע זייט פון דעם דאָזיקן אמת: מאַטעריעלע איבערגעזעטיקטקייט און געזעלשאַפטלעך פּאָליטישע זיכערקייט (אָפּטמאָל אַן אויסגעדאַכטע) האָבן זיך אין ערגעץ נישט אַרויסגעוויזן ווי סטימולן צו פאַרנעמיקע קולטור־שאַפערישע מעשים אין יידישן לעבן.

אָט די פאַרצווייגטע און פּרוכבאַרע גייסטיקע אַקטיוויטעט פונעם פוילישן יידנטום אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז געווען אַ סימן פון דעם געזונטן אינסטינקט פון אַ צילבאַוווּסטן קאָלעקטיוו, וואָס גיט זיך נישט אונטער, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן און מכשולים, פון אַ פאָלק, וואָס איז געווען פול מיט בטחון, באַהויכט דורך אַ שטאַרקן גלויבן אין בעסערע צייטן און דורכגעדרונגען מיט אַ ווונדערבאַרער עקשנות און לעבנסלוסט. דאָס אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם גייסט פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע, וואָס האָט דאָס פאָלק באַגלייט אין משך פון זיין לאַנגער מיטליידן און פיין אָנגעפּילטער גלות־געשיכטע, אַ טראַדיציע, וואָס האָט אַנגעהאַלטן שפּעטער אפילו אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען אין די געטאָס, ווו קולטור־אַרבעט איז געטאָן געוואָרן באַהאַלטענערהייט צווישן דערוואַקסענע און צווישן דער יוגנט ביז צו זייער גאַנג צום טויט.

נאָך מער צו באַוווּנדערן איז אָט דער אויסערגעוויינלעכער קולטור־אויפשוווּנג פונעם יידיש־פוילישן קיבוץ צווישן ביידע וועלט־מלחמות ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז פאַרגעקומען איז ער אין אַ צייט פון אינערלעכער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער צעשפּליטערטקייט. דאָס לעבן פון פוילישן יידנטום איז געווען באַהערשט דורך פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן געפירט צווישן זיך אַ פאַרביטערטן קאַמף אויף אַלע געביטן: אויפן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און גייסטיקן — נישט בלויז ביי וואָלן, נאָר אויך אין דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען נישט נאָר צווישן דעם רעליגיעזן און וועלטלעכן לאַגער,

צווישן רעכטס און לינקס, נייערט אויך אין דעם לינקן, וועלטלעכן אַרבעטער־לאַגער גופא, אַנגעמענדיק אָפטמאָל דווקא דאָרט באַזונדער שאַרפע פאָרמען צוליב טיפע אידעאָלאָגישע חלוקי־דעות.

ס׳קען אָבער זיין, אַז צוליב אָט די חלוקי דעות און קאַמפן האָט איטלעכע פון די פאַרשידענע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע ריכטונגען געמאַכט אירע אייגענע אָנשטרענגונגען אויף וואָס מער קולטור־שטחים, באַמיענדיק זיך איבערצושטייגן מיט אירע דערגרייכונגען די אַנדערע. וואָסערע עס זאָלן דערביי נישט האָבן געווען די טרייב־כחות, וואָס האָבן די פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס דערצו באַוויגן, זענען אָבער אין דער לעצטער שורה די מחלוקתן געווען לשם שמים און האָבן געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. זיי האָבן פאַרמערט די צאָל פון די חינוך און קולטור־אינסטיטוציעס, פון די שולן, אָוונט־קורסן, קלובן, קרייזן, ביבליאָטעקן, פּרעסע־אָרגאַנען און האָבן צוגעצויגן צו זיי און באַווירקט אַלץ ברייטערע מאַסן, דערהויבן זיי קולטורעל, פאַרפיינערט זייער געשמאַק, געמאַכט זיי סאָציאַל, פּאָליטיש און נאַציאָנאַל באַוווסטזיניקער און קאַמפלוסטיקער.

אַזויאַרום איז דער קולטור־געראַנגל פונעם פוילישן יידנטום געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געראַנגל. דער קאַמף פאַר מענטש־לעכע און בירגעלעכע רעכט, פאַר אַרבעט און ברויט איז ביים פוילישן יידן פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות געגאַנגען געפּאָרט מיטן קאַמף פאַר זיין שפּראַך (יידיש און העברעיש), פאַר דער דערציונג פון זיינע קינדער ווי יידן, פאַר זיין נאַציאָנאַלן אויסלעבן זיך, קעגן אויפגעצוווּנגענער אַסימילאַציע און קעגן נאַציאָ־נאַלן אויסראָט.

צום שבח פון פוילישן יידנטום דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט דעם דאָזיקן מערפאַכן קאַמף, וועלכן ער האָט געפירט אין די ערגסטע באַדינגונגען, אויסגעטראָגן מיט כבוד און זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט אייגעהאַלטן זיינע פּאָזיציעס ממש ביז צום לעצטן אָטעם־צי און זיך העלדיש געראַנגלט ביז די מערדערישע האַק פון נאַצישן צורר האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין פיזישער עקזיסטענץ.

מיר וועלן פּרווון געבן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען אַן איבערזיכט איבער דער גייסטיקער שאַפונג פונעם פוילישן יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות אַזוי ווי זי האָט זיך בעיקר אויסגעדריקט אין דער יידישער ליטעראַטור און חיסנשאַפט און אויך באַרירן אייניקע אַספּעקטן פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן בכלל. מיר וועלן לאָזן אין אַ זייט דריי ביז גאָר וויכטיקע קולטור־שטחים — דאָס שול־וועזן, די פּרעסע, דאָס טעאַטער — וואָס איטלעכן פון זיי ווערט אין דעם זאַמלבוך געווידמעט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג.

# די יידישע ליטעראַטור אין צווישנמלחמהדיקן פוילן

ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור שוין געהאַט הינטער זיך אַ תקופה פון אַ פּאַנאַנדערבלי פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט וואָס האָט זי אַרויסגעפירט אויפן וועג צו ווערן אַ ליטעראַטור מיט ליטעראַטורן גלייך ד. ה. אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון אַ געגעבענעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו, זיין דערקענטעניש און זיינע אידעען און שטרעבונגען. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז אַנגעגאַנגען דער עיקר אינעם גרויסן יידישן קיבוץ אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס דער יידישער ישוב אין פּוילן איז געווען איינער פון זיינע וויכטיקסטע און קערנדיקסטע באַשטאַנדטיילן. די זעלבע מערכה האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט אין די נישט ווייניקער קאָמ־פּאַקטע יידישע ישובים אין דער דעמאָלטדיקער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע.

די יידישע ליטעראַטור האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעהערט צו זיין אַ לי־טעראַטור פון מעשה־ביכלעך פאַר מיידלעך און פרויען, אָדער אַן אינסטרומענט אויפצוקלערן, אויסצומוסרן דעם פּינצטערן המון, אים צו בילדן און צו אַגיטירן. זי איז געוואָרן דער אויסדרוק פון אַ מאָדערנער קולטור מיט אַלע אירע פאַרבן און ניואַנסן, האָט אַרומגענומען וואָסאַמאָל מער געביטן פון קאָלעקטיווון לעבן און אויך וואָסאַמאָל ברייטערע שיכטן פונעם יידישן צבור. די יידישע ליטעראַטור האָט שוין דאַן פאַרמאָגט אַ גאַר ברייטן לייענער־עולם, וועלכן זי האָט אַליין געשאַפן און דערצויגן, אָבער האָט שוין אויפגעהערט צו באַדינען בלויז די, וואָס האָבן אַ חוץ מאַמע־לשון אויף קיין אַנדער שפּראַך נישט געקענט לייענען. זי האָט שוין צווישן אירע לייענער געהאַט אַריינגעצויגן באַדייטנדיקע קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ, פאַר וועלכער די ברייטע נישט יידישע וועלט איז געשטאַנען אָפן.

דאָס יאָר פון אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַ יאָר פון אַ באַזונדערן אויפבלי אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע דיכטונג איז געשטאַנען אין איר אמתן פרילינג־צוויט (דוד איינהאָרן, ז. סעגאַלאָ־וויטש, מנחם באָריישאָ, דניאל טשאַרני, לייב ניידוס — אין רוסישן טייל פון פוילן, ש. י. אימבער, מלך ראַוויטש, דוד קעניגסבערג — אין גאַליציע). אויך די פּראָזע־קינסטלער האָבן געהאַט צו פאַרצייכענען היפּשע דערגרייכונגען. אין יאָר 1913 איז פאַרענדיקט געוואָרן די אויסגאַבע פון „אַלע ווערק" פון י. ל. פּרץ. דעם זעלבן יאָר איז דערשינען דוד בערגלסאָנס ראָמאַן „נאָך אַלעמען" און שלום אַש'ס „ר' שלמה נגיד" און „מערי". ס'האָט זיך גענומען אַנטוויקלען די יידישע ליטעראַטור־קריטיק, ס'האָבן זיך באַוויזן ערנסטע שפּראַכן פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער וויסנ־

שאַפט. אינעם ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, איז אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער, וואָס האָט רעדאַגירט דעם וואַגיקן חודש־זשורנאַל „די יודישע וועלט", דעם זעלבן יאָר דערשינען דער זאַמלבוך „דער פנקס"*) מיט גאָר וויכטיקע פאָרש־אַרבעטן אויפן געביט פון פילאָלאָגיע, ווו בער באָראָכאָוו האָט פאַרעפנטלעכט זיינע צוויי גרינטלעכע אָפּהאַנדלונגען: „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע" און „די ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג — פירהונדערט יאָר יידישע שפראַך־פאָרשונג". די אַרבעטן, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פנקס" האָבן געעפנט נייע, ביז דאַן אפילו נישט געאַנטע פערספּעקטיוון פאַר נייע פעלדער פון יידישער קולטור־טעטיקייט און פאָרשונג.

אין דער יידישער קולטור־וועלט איז אָנגעגאַנגען אַ מין געוועט צווישן דיכטער, שרייבער, עסייאיסטן, יונגע וויסנשאַפטלער, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געוואָלט באַרייכערן דאָס יונגע יידישע קולטור־פעלד און איבערשטייגן דעם אַנדערן מיט אייפער און אויפטועך. נייע יונגע כחות האָבן זיך אַרויפגעהויבן פון דער טיפער פאָלקס־מאַסע אַרויס, אַרויסגערופענע דורך דעם אַנזאַג פון דעם יידישן קולטור־רענעסאַנס און עס זענען צו זיי צוגעשטאַנען יידישע אינטעליגענטן, געקומענע פון דער פרעמד, וועמען ס'האָט געלאַקט די אייגענע היים, וואָס האָט זיך פלוצים פאַר זיי אַנטפּלעקט מיט אַלע אירע כישופן און חנען. די האָפענונגען זענען געווען גרויסע, די אויסזיכטן — באַרעכטיקטע.

אין מיטן איז אויסגעבראָכן די מלחמה און אַלץ איז מיטאַמאָל ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן. אויפן יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד, ספּעציעל אויף דעם פּוילישן טייל פון אים, האָט זיך, ווי שוין דערמאַנט, אַנגערוקט אַ תקופה פון רדיפות מצד דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט, רדיפות, וואָס האָבן צעטרייסלט דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג און פאַרשווערט ביז גאָר, צומאָל אוממעגלעך געמאַכט, אַנצוגיין מיט קולטור־טעטיקייט אָדער מיט ליטעראַרישן שאַפן. נישט נאָר קאַנאַנען האָבן פאַרשטומט די מוזעס, נייערט אויך אַדמיניסטראַטיווע דעקרעטן, פאַרבאָטן, גירושים און אפילו נויט און הונגער. אַן ענלעכער גורל איז באַשערט געווען דעם יידישן ישוב אין מזרח־גאַליציע מיטן פאַרויסמאַרש און שפּעטערדיקן אָפּטרעטן פון די רוסישע אַרמייען.

שפּעטער, ווען קאָנגרעס־פּוילן צוזאַמען מיט די „אָסט־געביטן" ווערן איינגאַנצן פאַרנומען דורך די דייטשן (טיילווייז אויך דורך זייערע פאַרבינדעטע, די עסטרייכער), הויבט דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אָן ביסלעכווייז קומען צו זיך.

*) יאָהרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע. רעדאַקטירט פון ש. ניגער, תרע״ג.

די יידישע פרעסע ווערט באַנייט, ס׳קומען אפילו צו נייע טאָג און וואָכן־צייטונגען, ס׳גייען אַרויס די „ווילנער זאַמלביכער“, ס׳דערשיינען אויך אַ צאָל ביכער. דאָס פאַרמלחמהדיקע קולטורעלע און ליטעראַרישע לעבן קאָן אָבער אונטער די אָקו־פּאַציע־באַדינגונגען דאָך נישט צוריקגעשטעלט ווערן.

ערשט אין דעם באַנייטן פוילן הויבט זיך אָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַ נייע תקופה. די תקופה איז ניי הן צוליב די געענדערטע געאָגראַפיש־דעמאָגראַ־פישע און פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַרן יידישן קיבוץ, הן צוליב דעם שפּאָגל נייעם פּאָליטישן און גייסטיקן קלימאַט, וואָס האָט גענומען הערשן אין דער וועלט, דער עיקר אין אייראָפּע און, פאַרשטייט זיך, אויך אין פוילן נאָכן אויסגאַנג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך דעם אויסברוך פון דעם אָקטאָבער־שטורעם אין רוסלאַנד.

די יידישע ליטעראַטור בכלל איז פאַר די עטלעכע מלחמה־יאָרן היפּש אָרימער געוואָרן. עס זענען פון איר אַוועק אַלע דריי קלאַסיקער אירע. דער טויט פון י. ל. פרץ האָט דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן אָפּגענומען איר קרוין און איר גלאַנץ. פאַר דער צייט זענען אַ ריי שריפטשטעלער פון פוילן אַוועק קיין אַמעריקע אָדער קיין מערב־אייראָפּע (בערלין, פּאַריז), אין פוילן האָבן צו דער פלעיאַדע פון די דאָרט פאַרבליבענע אָדער פון ראַטנפאַרבאַנד צוריקגעקומענע יידישע שרייבערס אָנגעהויבן צוקומען נייע, יונגע שרייבער־פּראָזאַיקער און דיכטער — דאָס רוב פון דער פאָלקס־מאַסע אַרויסגעוואַקסענע. ס׳האָט זיך ביסלעכוויז גענומען מערקן אַן איבערגאַנג פון איין דור צום צווייטן, פון עלטערן צום יינגערן. נישט תמיד איז דער איבערגאַנג פאַרגעקומען אָן שטרויכלונגען, אָן קאָנפליקטן. נישט אַלע פון די נייע האָבן זיך געקענט אָדער געוואָלט האַלטן אין דער טראַדיציע, אין דער ירושה. אַ סך פון די נייע שרייבערס האָט בכלל געפעלט יידישע טראַדיציע. אַנדערע ווייטער האָבן זיך באַוווּסטזיניק באַמיט אין דער טראַדיציע נישט אַנצו־קניפּן. זיי האָבן געוואָלט אָנהויבן פון דאָסניי, זיין נאָוואַטאָריש, צוגעפּאַסט צום נייעם, רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער צייט. דאָס איז גילטיק געווען גאָר באַזונדער פאַר דער נייער דיכטונג, וואָס האָט נאָך דער מלחמה זיך גענומען מיט שטורעם אַריינרייסן אין דער יידישער ליטעראַטור.

פּ ר אָ ז ע

וואָס שייך דער פּראָזע, איז פון די פריערדיקע, פאַרמלחמהדיקע שרייבערס, פון די פון דער פּרץ־תקופה, שלום אַש דער ראָמאַנטיקער, דער לירישער וויזיאָנער פונעם יידישן שטעטל מיט זיינע אידילישע נגידים און מיט זיין „קוילער געסל“, שוין געווען אין אַמעריקע. ער האָט שוין פאַר די לעצטע יאָרן באַוויזן זיך

צו פאַרמעסטן אויף נייע טעמעס. אַרויסצובערענגען נייע מאָטיוון: ביבליש,ע היס־טאָרישע, אַמעריקאַנער. ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן זיין ערשטן גרויסן ראָמאַן „מערי". דער קוטנער שלום אַש, וואָס האָט זיין קרעפטיקן שרייבערישן טאַלאַנט אַנטפּלעקט אין דער יונגער וואַרשעווער ליטעראַרישער סביבה אַרום פּרצן, האָט פאַר דער צייט זיך דערשלאָגן צו אַ וועלט־נאָמען. זיין ווייטערדיקן שאַפערישן וועג האָט ער באַרייכערט מיט נייע ליטעראַרישע דערגרייכונגען. ער האָט אַרויסגעבראַכט די דערהויבנסטע מאָמענטן אין די פאַרשיידענע עפּאָכעס פון דער יידישער געשיכטע: גבורה און קידוש השם. ער פלעג זיך אָבער אָפט אומקערן צו זיין יידישן פּוילן, פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַט אָפּגעריסן. דאָס יידישע פּוילן איז געווען און פאַרבליבן דער מקור פון זיין חיות. אַזוי איז עס געווען אין זיין „מאָטקע גנב", אין „קידוש השם", אין דער טרילאָגיע „פאַרן מבול" (וואָס איין טייל פון איר טראָגט דעם נאָמען „וואַרשע"), אין דעם „תהילים ייד" און ביז צום... „מאַן פון נצרת", ווו דער מחבר באַנוצט זיך מיט דעם פּאָליאַק פאַן וויאַדאָמסקי, פון וועלכן ער לאָזט אַרויסרעדן די געשטאַלט פונעם רוימער קאָרנעליוס.

פון די פּראָזאַיקער, וואָס האָבן שוין אין פּרצס צייטן געהאַט דערגרייכט צו אַ ליטעראַרישער רייפקייט און צו אַ שם אין דער ליטעראַטור, זענען אין נייעם פּוילן די וויכטיקסטע געווען צוויי: הערש דוד נאָמבערג און איטשע מאיר וויסנבערג.

ה. ד. נ א ָ מ ב ע ר ג האָט אין די פאַרמלחמהדיקע יאָרן אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור די אויסגעקרימטע, צעבראָכענע און אויסגעוואָרצלטע טיפּן, די פליגלמאַנס מיט די אונטערגעהאַקטע פליגל פון דער עפּאָכע פון דעם איינברעכן זיך פון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן שטייגער. געווען זענען עס טיפּן, וואָס זענען פון אַט דער טראַדיציע אַרויסגעוואַקסן, האָבן זיך אָבער נישט באַוויזן צו פאַראַנקערן אין אַ נייער פעסטער געדאַנקען און אידעען־וועלט. מיט דעם האָט נאָמבערג פּאַקטיש פאַרענדיקט זיין קאַריערע ווי אַ בעלעטריסט. אין די מלחמה־יאָרן האָט ער זיך אַלץ מער אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליסטישער און עסייאיסטישער טעטיקייט, וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן פריער. נאָך דער מלחמה האָט ער די דאָזיקע טעטיקייט אויסגעברייטערט און אַריינגענומען אין איר געזעל־שאַפטלעכע קריטיק ווי אויך באַשרייבונגען פון זיינע אויסלאַנד־רייזעס, וואָס האָבן אים געפירט קיין ראַטנפאַרבאַנד, ארץ ישראל און צו די יידישע קאָלאָניעס פון וויטן אַרגענטינע.

אויך י. מ. ו ו י י ס נ ב ע ר ג, דער פאָטער פון דעם מאָדערנעם יידישן

נאַטוראַליזם, האָט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט דאָס שטעטל. אָבער ווי אַנדערש האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ביי אים ווי ביי שלום אַשן. ביי וויסנבערגן איז דאָס שטעטל געשילדערט רוי, אָן אידילישע באַפּוצונגען, אָן דער נגידישער צופרידנקייט, אָן דער שלוה׳דיקער יום טוב׳דיקייט. זיינע טיפּן זענען נאַטור־מענטשן, פול מיט בלוט און מיט תאוות, באַהערשט פון נאַטירלעכן דראַנג צו באַפרידיקן זייערע רויע אינסטינקטן. זיי זענען נישט סטיליזירט. זיי רעדן אויף זייער לשון, וואָס איז רוי און זאַפטיק ווי זיי אַליין.

וויסנבערגס שילדערן דאָס שטעטל איז געווען אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין טיפער רעאַליזם, זיין אוממיטלבאַרקייט און רוּיקייט אינעם שילדערן פאַרמינערט נישט זיין עכטע קינסטלערישקייט אין פאַרשטעלן די יידישע שטעטל־ווירקלעכקייט.

נאָך דער מלחמה איז וויסנבערג פאַרקראָכן אויף זייטיקע וועגן, אויף וועלכע זיין טאַלאַנט און דערהויפּט זיין אינטעלעקט זענען אים מער נישט בייגעשטאַנען. דער מחבר פון „דער טאַטע מיט די בנים" (פון פאַר דער מלחמה) האָט זיך פאַרנומען צו גיין „אין דער אייביקער טיפקייט" (דער נאָמען פון זיין שפּעטערדיקן ראָמאַן פון וועלכן ס׳איז דערשינען בלויז דאָס ערשטע העפט — אין יאָר 1936) און פון די געוווינהייטן און גלויבונגען פון פאָלק אַרויסברענגען די אייביקע פּראָבלעמאַטיק פון וועלט און לעבן. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז די מעטאַפיזיק און חקירות, וואָס ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן, זענען נישט געווען טיף און האָבן אין דער „אייביקייט" קיין אחיזה נישט געקענט פאַרמאָגן.

איז וויסנבערג אַרומגעגאַנגען אין דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אַ פאַר־ביטערטער און אַן אָנגעבלאָזענער. זיין אייגענער אָרגאַן „אינדזער האָפענונג", מיט זיין אייגענעם פאַנעטישן פּויליש־יידישן אויסלייג, האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף אַלץ און אויף אַלע, אויף די „פאַלשע נייע" (ווי ער האָט גערופן די נייע שרייבערס) און דער עיקר אויף די ליטוואַקעס וואָס האָבן לויט אים פאַרכאַפּט און פאַראומווירדיקט די יידישע ליטעראַטור. דער דאָזיקער זשורנאַל האָט אים געדינט ווי זיין יחידישער באַלעמער נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהערט צו גלאַנצן מיט זיין טאַלאַנט פאַר קהל. ס׳האָט זיך אים אָבער געוואָלט אויך ציען אַרום זיך נייע טאַלאַנטן און נישט אייך אָנפאַנגער האָט זיך גענומען שאַרן אַרום אים מיט זייערע ביכורים־שריפטן און אויסקוקן אויף זיין מבינות. צווישן די אַלע, וואָס האָבן ביי אים באַקומען „סמיכה", האָבן זיך טאַקע געפונען צוויי עכטע טאַלאַנטן, וועלכע ער, איטשע מאיר וויסנבערג, האָט אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור. דאַסמאָל האָט זיין פרימיטיווער אינסטינקט אים נישט

אָפּגענאַרט. דאָס זענען געווען עוזר וואַרשאַווסקי און שמעון האַראַנטשיק. ס׳איז אַנצוזעמען, אַז אין זייערעביידנס שאַפונגען האָט ווייסנבערג דערפילט זיינע אייגענע כחות פון די פאַרגאַנגענע יאָרן.

אָט די ביידע נייע פּראָזאַיקער עפענען אַ ניי בלעטל אין דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן. די קאַנווע און דער הויפּט־מאָטיוו פונעם יידישן שרייבער פאַרבלייבט נאָך אַלץ דאָס שטעטל. אָבער דאָס איז שוין נישט דאָס שטעטל פון פריער. די מלחמה־יאָרן האָבן דאָס יידיש־פוילישע שטעטל אויפגערודערט און דערשיטערט. דאָס שטעטל, הגם עס איז נאָך אין אַ גאַר גרויסער מאָס פאַרבליבן דער יסוד פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין פוילן, האָט שוין אָבער פאַרלאָרן זיין פריערדיקע סטאַטישע רויקייט אַזוי ווי זי איז געשילדערט געוואָרן דורך אַשן און אפילו דורך ווייסנבערגן. יאָרן פון דלות און הונגער זענען איבערן שטעטל אַריבער און געלאָזט טיפע שפורן אין די געמיטער פון די יידן. דאָס פּאַטריאַרכאַלע אינעם יידישן שטעטל־לעבן האָט גענומען פאַרשווינדן, די טראַדיציאָנעלע פּרנסה־קוואַלן האָבן גענומען אויסטריקענען און יידישע יוגנט האָט גענומען זוכן דעם וועג אין שטאָט אַריין אין פוילן גופא אָדער אין אַנדערע, אָפטמאָל גאַר ווייטע לענדער. אַזוי האָבן אויך משפחה און שטייגער־טראַדיציעס גענומען זיך איינברעכן. דורות־דיקע איינגעזעסנקייט, געוווינהייטן און פירונגען האָבן בהדרגהדיק אָפּגעטראָטן דאָס אָרט נייע לעבנס־פאָרמען, נייע התנהגותן, נייע אָנשויאונגען, נייע שטרע־בונגען. די יוגנט, וואָס איז יאָ פאַרבליבן אין שטעטל — און איר צאָל איז ווייט נישט געווען קיין קליינע — האָט געזוכט און אויך געפונען נישט נאָר נייע לעבנס־פאָרמען, נאָר אויך נייעם לעבנס־אינהאַלט, איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך נייע אידעען, וואָס האָבן דעם לעבן זייערן געגעבן אי אַ זין אי אַ ציל און ביסלעכווייז אויסגעפורעמט דעם נייעם מענטשן. געווען איז דאָס אַ פּראָצעס פון יאָרן, וואָס האָט זיך אייגנטלעך נאָך אָנגעהויבן פאַר דער מלחמה, וואָס איז אָבער אין רעזול־טאַט פון דער מלחמה און פון די געשעענישן נאָך איר פאַרשנעלערט און פאַר־טיפט געוואָרן. דער פּראָצעס האָט פּאַקטיש אָנגעהאַלטן, מיט אַ כסדר פאַרשנע־לערטן טעמפּאָ, ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די יידישע שרייבערס, וואָס האָבן דאָס רוב געשטאַמט פון שטעטל, האָבן דעם דאָזיקן פּראָצעס אַליין אַדורכגעמאַכט, אים אָפּגעפילט און אַרויסגעבראַכט, יעדער אויף זיין שטייגער, אין זייערע ווערק. דעריבער האָט זיך דער מאָטיוו פון שטעטל, פון וועג פון שטעטל צו דער שטאָט, פון דער אומאַנדערשונג פונעם שטעטל און פון זיינע איינוווינער די גאַנצע צייט אַדורכגעשלענגלט אין זייערע שאַפונגען, דער עיקר אין דער פּראָזע אָבער אָפט אויך אין דער דיכטונג.

עוזר וואַרשאַווסקיס ראָמאַן „שמוגלאַרעס”, וואָס איז דערשינען אין די גאַר ערשטע יאָרן פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן (אין יאָר 1922, אין פאַרלאַג קולטור־ליגע אין וואַרשע), האָט געמאַכט אַ טיפן רושם סיי מיט זיין אינהאַלט, סיי מיט דער געוואַגטקייט פון מחבר, און אויך מיט זיין שרייבערישער קראַפט. וואַרשאַווסקי האָט דאָס שטעטל פון די מלחמה־יאָרן אַרויסגעשטעלט אין זיין גאַנצער אָפּשטויסנדיקער נאַקעטקייט. זיינע שילדערונגען זענען נאַטירלעכע, ממש ברוטאַלע. ער ווייזט דאָס שטעטל פון די אָקופּאַציע־יאָרן אין זיין פולער געזעלשאַפטלעכער ירידה, בעת עס זינקט טיף אין מאָראַלישן זומפּ אַריין, פון וועלכן ס'איז מער קיין אַנטלויפן שוין נישטאָ. אַלע זענען אינעם שטעטל פאַרדאָרבן. אַלעמענס לעבן דאָרט איז אַ געמיש פון שמוגל, בראָנפן־טרייבעריי, זנות און הפקרות. נישטאָ מער אינעם שטעטל קיין שיינע יידן. פון די ווילע יונגען ביז די באַלעבאַטים און אפילו ביז צום דיין זענען אַלע פאַרכאַפּט דורכן וויסטן הפקר־קאַראַהאָד, וועלכן ס'טאַנצן מיט אפילו די קראַנקע, די שווינזיכטיקע, די קאַליקעס. בלויז צוויי געשטאַלטן הויבן זיך אַרויס פון דער אין אָפּגרונט זינקענדיקער מאַסע — אַ קראַנקער שמוגלער און אַ פּראָסטיטוטקע, וועמען די ליבע העלפט אַרויסצוראַטעווען זיך פונעם קאַלעטיוון געמויזעכץ. דער זינדיקער פאַרדאָרבענער כלל איז פאַרמשפּט צום אונטערגיין. דער עיקר דערפאַר, ווייל ער איז לכתחילה געווען אַ באַדנלאָזער, ווייל ס'האָבן אים געפעלט פעסטע געזעלשאַפטלעכע יסודות.

אויך שמעון האָראָנטשיק באַרירט די שטעטל־טעמאַטיק. ער פאַרבלייבט אָבער נישט בלויז ביי איר. ער גייט אויך אַרויס פונעם ענגן תחום פון שטעטל און שפּרייזט אַריין אין דער גרויסער שטאָט, וווהין יידישע מענטשן שטראָמען אַלץ מער. אין זיין ראָמאַן „אין גערויש פון מאַשינען” (פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע 1928) שילדערט ער דעם צעפאַלונג־פּראָצעס פונעם שטעטל, אין וועלכן ער זעט שוין די סאָציאַלע און מאָראַלישע קעגנזאַצן, וואָס קומען פאָר אינעם דאָרטיקן יידישן לעבן. די יוגנט לעבט איבער אַ פּסיכישן איבערברוך, קומט אַרבעטן אין שטאָט אַריין און פאַלט דאָרט אַרונטער אונטער דעם גערויש פון די מאַשינען, וואָס לאָזט איר מער נישט טראַכטן פון אַמאָליקן באַלעבאַטישן שטייגער־לעבן פון דער היים.

דער נייער שטייגער־לעבן אין שטאָט מיט זיין עלנט און נויט וועקט ביי דער יוגנט נייע פאַרלאַנגען, וואָס פירן זי אין די שורות פון דער קעמפנדיקער אַרבעטערשאַפט און פילן זי אָן מיט סאָציאַלע באַפרייונג־אידעאַלן. דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז באַשרייבט האָראָנטשיק אין זיין ראָמאַן „1905”

(וואַרשע, 1929), אין וועלכן ער שילדערט די העראָישע קאַמפן פון דער אַרבעטער־שאַפט און די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער רעוואָלוציאָנערער מחנה.

האַראַנטשיק האָט אויך אַרויסגעבראַכט די טיפן פון דעם אויפגעקומענעם שטעטלדיקן בירגערטום וואָס האָט זיך אין דער מלחמה־צייט אַרויפגעאַרבעט דורך שמוגל און לייכטע עסקים. מיט די פּערסאָנאַזשן, וואָס ער שילדערט אין זיין ראָמאַן „זומפּ" (פאַרלאַג קולטור־ליגע, 1931) שטרייכט ער אונטער די קלאַסן־דיפערענצירונגען אינעם יידישן שטעטל־לעבן צוזאַמען מיט די אונטערשידן אין געזעלשאַפטלעכן און מאָראַלישן אויפפירן זיך פוןביידע סאָציאַלע שיכטן.

געווען זענען אויך אין צווישנמלחמהדיקן פּוילן שרייבערס, ביי וועמען דאָס שטעטל האָט נאָך נישט געהאַט פאַרלוירן די ראָמאַנטישקייט, ווי זי איז בשעתו געקומען צום אויסדרוק ביי אַשן.

אַזוי האָט ה. ל. זשיטניצקי אין „דעם זיידנס הייזל" (פאַרלאַג קולטור־ליגע, 1927) געגעבן אַ ריי צאַרטע שילדערונגען פון דער אַלטפּאַטערישער יידישער היימישקייט אין דער ראַם פון דער זיך דורך דורות באַנייענדיקער משפחה. די שילדערונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַ ברייטן פרעסק פונעם יידישן פאָלקס־לעבן מיט זיין איינגעוואָרצלטן שטייגער, מיט זיינע גלויבונגען און מנהגים, מיט זיין וואָכע־דיקייט, זיינע שבתים און יום־טובים.

באַהויכט מיט אַ ראָמאַנטישער באַציונג צום שטעטל איז אויך געווען שלמה גילבערט, וועמעס ערשטע נאָוועלן, געשריבענע נאָך פאַר דער מלחמה, זענען שוין געווען באַאיינפלוסט דורך שלום אַשן. אין זיין זאַמלונג „באַוועלן", אַרויסגעגעבן אין יאָר 1922, שילדערט גילבערט אויף אַ שטילן, איידעלן, כמעט עלעגישן אופן דעם אָרנטלעכן שטעטל־יידן, דעם דאָרף־גייער, וואָס וואַנ־דערט אַרום איבער די פּוילישע דערפער אַ גאַנצע וואָך און קומט צוריק אַהיים בלויז אויף שבת. אין אָט די סובטעלע שילדערונגען פון דעם יידישן שטייגער אויפן פאָן פון דער פּוילישער דאָרף־לאַנדשאַפט קומט בולט אַרויס גילבערטס טיפער מיטגעפיל פאַר די סאָציאַל־באַעוולטע.

יואל מאַסטבוים, וואָס האָט זיך שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַקאַנט געמאַכט מיט זיין נאָוועלע „פערעלעס חלום־יאָרן", קומט אויך אַרויס פון שטעטל. ער פאַרנעמט זיך אָבער אויף ברייטע שליאַכן און פירט אַוועק זיינע העלדן פון זייערע אָפּשטאַם־ערטער העט העט ביז די בוענאָס־איירעסער פאַרפירערישע אָפּגרונטן („נחומקעס וואַנדערונגען" — פאַרלאַג א. י. שפירא, וואַרשע 1925). מאַסטבוים האָט די אַמביציע פּאַנאָנדערצוּוויקלען אַ ברייטע יריעה,

פון די לעצטע תקופות אין יידישן לעבן און צו וואַרפן אויף זיי אַ פּסיכאָלאָגישן פּראָזשעקטאָר. („מאַריאַס גליק", פאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד, וואַרשע 1923).

פריער, אין יאָר 1920, האָט מאַסטבוים פאַרעפנטלעכט אַ באַנד דערציילונגען „אין דער פרעמד", אַ יאָר שפּעטער „דאָס מזל־פישעלע". אין יאָר 1922 דערשיינט זיין ראָמאַן וועגן דעם לעבן פון די חלוצים אין פוילן „נייע מענטשן" און אין יאָר 1926 דער ראָמאַן „סאַלאַמאַנדרא". זיין קוואַנטיטאַטיווע פּרובכאַרקייט האָט מאַסטבוים דערגרייכט אויפן חשבון פון דעם איכות פון זיין שאַפן, ווו עס איז בולט: נאַכלעסיקייט פון סטיל, צעצויגנקייט און פאָרמלאָזיקייט. אויך זיין שפּראַך איז געווען אַ געגנוג כאַאָטישע.

מיט זיינע קרעפטיקע פּלאַסטישע שאַפונגען צייכנט זיך אויס י ה ו ש ע פ ע ר ל ע. שוין אין די ערשטע צווישנמלחמה־יאָרן מאַכט ער זיך אַ נאָמען מיט אַ ראָמאַן „מירל" (פאַרלאַג „די צייט", יאָר 1920) און צוויי בענד נאָוועלן: „אונטער דער זון" (פאַרלאַג ברידער לעווין־עפּשטיין, 1920) און „זינד" (פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי־בזשאָזאַ, יאָר 1923) ווי אויך מיט אַ פּאָעמע אין פּראָזע: „אין לאַנד פון דער ווייסל" (פאַרלאַג „די צייט" 1921). אין די נאָוועלן ברענגט ער אַרויס עראָטישע מאָמענטן ביים יידישן מענטשן, אַ זאַך, וואָס איז נאָך דאַן געווען אַ זעלטנהייט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער ערשט מער ווי צען יאָר שפּעטער דערגרייכט פערלע צו קינסטלערישער שלימות. אין זיין ראָמאַן „יידן פון אַ גאַנץ יאָר" (פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" 1935) מאָלט ער פּלאַסטיש אויס אַ גאַנצע סעריע יידישע טיפּן, וואָס שטעלן צוזאַמען פאַר אַ גאַנצן דור. דאָס איז דער דור, וואָס וויל מער אין שטעטל נישט פאַרבלייבן און אַנטלויפט פון דער היים און פון איר נויט אין שטאָט אַריין און פון דאָרט אפילו ווייטער — אין דער ברייטער וועלט אַריין, ווו ער ווערט צעשפּרייט איבער שבעה ימים.

פערלע ווייזט דאָ אַרויס ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דער פּוילישער לאַנדשאַפט, וועלכער ער שילדערט מיט אַ סך וואַרעמקייט און ליריק. אינטערעסאַנט זענען אויך זיינע בעלי חיים, וועלכע ער שילדערט קרעפטיק און האַלט זיך נישט אָפּ איבערצוגעבן זייער סעקסועלן טריב. ער דרינגט אויך אַריין אין די אינטימע עראָטיש־סעקסועלע איבערלעבונגען פון זיינע העלדן און דערגייט דערביי ביז צו דראַסטישקייט. פערלע ווייזט אַרויס אַ שאַרף אויג ביי זיינע שילדערונגען.

אין זיין צווייטן גרויסן ראָמאַן „די גילדענע פּאַווע" (פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", 1937) פאַרמעסט זיך פערלע צו געבן אַ ברייט בילד פון דעם שוין פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן אויף דער פּוילישער ערד און ער באַהויכט עס מיט

נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָך דער אַלטער ראָמאַנטישער אידילישקייט, וואָס איז אַוועק און פאַרשוווּנדן ווי די גאָלדענע פּאַווע אַליין. זיינע טיפן נעמט ער פונעם שטעטל פון אָנהויב יאָרהונדערט, וואָס פאַרלירט זיין טראַדיציאָנעלע באַזע צוליבן פאַרויסמאַרש פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט און וואָס שטויסט די יידישע יוגנט צו גיין אין שטאָט אַריין. דאָס גיט דעם מחבר די געלעגנהייט צו שילדערן די לעצטע אַקאָרדן פון דעם פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן יאָרהונדערטער. אין ראָמאַן ווערן אויך טיף מענטשלעך געשילדערט די יידישע רעוואָלוציאָנערן פון יאָר 1905.

אַ סך בלאַסער, פּסיכאָלאָגיש רויער, קינסטלעריש שוואַכער קומען אַרויס די געשטאַלטן וואָס ס'שילדערט ז. ס ע ג אַ ל אָ װ י ט ש אין זיינע ראָמאַנען. די העלדן זיינע זענען ווי אָפּגעריסן פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, אין וועלכער זיי לעבן. מען פילט בכלל נישט אין זיי דעם דופק פון דער ברויזנדיקער תקופה, אין וועלכער און וועגן וועלכער די ראָמאַנען זענען געשריבן געוואָרן. („דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל" — פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ וואַרשע 1929. „די ווילדע צילקע" — פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע 1922). סעגאַלאָוויטשעס געשטאַלטן זענען שאַטנדיקע, בלוטאָרעמע, כאַראַקטערלאָזע. העכסטנס זענען זיי סענטימענטאַלע. זיינע פּרויען־טיפּן ווייסן בלויז פון פאַרגלוסטונגען און קאַפּריזן. זיי שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין גאַנצע, אָפּגעשלאָסענע כאַראַקטערן. בכלל זענען ביי סעגאַלאָוויטשן די העלדן איינגעטיילט אין פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, אין גוטע און שלעכטע, אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי לעבן און דורך וועלכע זיי זענען נאַטירלעכערהייד באַווירקט געוואָרן.

אפילו אין אַזאַ ראָמאַן זיינעם ווי „דעם וועבערס טאָכטער" (פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1936) וואָס איז אַ גוט בעלעטריסטיש ווערק און וואָס דאַרף שילדערן דאָס יידישע רעוואָלוציאָנערע ביאַליסטאָק פון 1905, פילט מען ווייניקער רעוואָלוציאָנערע אַטמאָספער ווי ראָמאַנטישן ליריזם.

איינער פון סעגאַלאָוויטשעס העלדן פון אַן אַנדער ראָמאַן („יונזער פרוי", פאַרלאַג בזשאָזאַ 1926) זאָגט אָפן: „איך בין עגאָאיסטיש גלייכגילטיק צו אַלע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן. איך בין אַ וועלט פאַר זיך. איך גלויב נישט אין קיין משיח. מענטשן זענען גוט און שלעכט פון דער נאַטור. אַזוי ווי וואַסער און פייער וועט בלייבן, אַזוי וועלן אויך פאַרבלייבן די צוויי געפילן".

סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים פּשוטערן, נאָיווערן לייענער־עולם. וואָס איז דורך זיי אַנטלאָפן פון זיין שטעטלדיקן פאַרשפּאַרטן לעבן צו נייע וועלטן פול מיט שפּאַנונג און מיט איבערלעבענישן. ס'האָט אים אויך

געלייענט דער אינטעליגענטערער לייענער, וואָס האָט אין סעגאַלאָוויטשעס שאַ־פונגען געפונען אַן אָפּרו און אַ פאַרגעסן זיך אין זיין כסדרדיקער פאַרהאַוועטקייט.

סעגאַלאָוויטשעס פּאָפּולערקייט האָט געשטאַמט נאָך פון די פאַרמלחמה־יאָרן. ווען ער האָט זיך שטאַרק באַקאַנט געמאַכט מיט זיין פּאָעמע „אין קאַזשי־מיעזש״, אין וועלכער ער האָט צאַרט באַזונגען דאָס אַלטע מאַלערישע שטעטל קוזמיר ביי דער ווייסל מיט זיינע לעגענדעס.

די טראַגעדיע פון דעם יידישן אויסגעוואָרצלטן, דורכן גורל געשליידערטן מענטשן שילדערט ישראל ראַבאָן אין זיינע צוויי ראָמאַנען: „באַלוט״ (1935) און „די גאַס״ (פאַרלאַג ל. גאָלדפאַרב, וואַרשע 1928), וואָס שוין די נעמען זייערע אַליין זענען אַ געגנוג בולטער אָנדייט אויף דער טעמאַטיק. באַלוט איז געווען די פאַרשטאָט פון דעם יידיש־באַלעבאַטישן און גבירישן לאָדזש, די פאַר־שטאָט אין וועלכער ס׳האָבן געאַרבעט און געהונגערט די יידישע וועבער.

ראַבאָן מאָלט מיט אַ קערנדיקן רעאַליזם די ליידן און פיינען פון דעם הונגעריקן מענטשן, וואָס שרייט ממש אַרויס זיין הונגער ווי אַ הונגעריקע חיה. ראַבאָנס העלדן זענען היימלאָז־נאַקעטע. זיי קומען פון אַן אַכזריותדיקער וועלט, פון די שלאַכטפעלדער בעת דער מלחמה און דרייען זיך אַרום צווישן די פינצטערע געסלעך פון דער באַלוטער נויט האָפּונגסלאָזע, עלנטע, פאַרשטויסענע. די נייע נאָכמלחמהדיקע וועלט, צו וועלכער זיי זענען צוריקגעקומען, איז פאַר זיי נישט ווייניקער אכזריותדיק ווי די פריערדיקע, די מלחמהדיקע, וואָס איז כאָטש געווען אַ גלייכע פאַר אַלעמען. זי לאָזט זיי זיך נישט איינוואָרצלען אין איר און זיי פאַר־בלייבן אויפן ראַנד פון דער „געזעלשאַפט״, אויסגעוואָרצלטע, אויסגעהונגערטע אין אַן „אומאויפהערלעכער בענקשאַפט נאָך ברויט און אַ ריין העמד״, ווי איינער פון די העלדן פון דעם ראָמאַן „די גאַס״ דריקט זיך אויס.

אַ מין כראָניק פון דעם יידישן לעבן אין פוילן פאַר די יאָרן, וואָס ציען זיך פון 1905 ביז כמעט ערב דעם חורבן, פּרוווט צו געבן מיכאל בורשטין אין זיינע דריי ראָמאַנען: „גורל״ (וואַרשע 1936), „איבער די חורבות פון פלוינע״ (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1931) און „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע״ (וואַרשע 1937). די געשטאַלטן קומען אַרויס ביי בורשטינען בולטע, טיפּישע. זייער שפּראַך איז אַ זאַפטיקע, פול מיטן פויליש־יידישן קאָלאָריט. זיי זענען ענג צונויפגעוואַקסן מיט די פוילישע לאַנדשאַפטן, וועלכע בורשטין מאָלט סובטעל.

ערטערווייז זענען אין די ראָמאַנען פאַראַן טאַקע שטיקער כראָניק פונעם לעבן, וואָס קענען דינען ווי אמתע געשיכטלעכע דאָקומענטן. אויף זייער קאַנווע

וויקלען זיך אַדורך די פּערסאָנאַזשן־פאַרקערפּערונגען פון סאָציאַלע שיכטן, פון פּאָליטישע שטרעמונגען, פון אידעיִשע טענדענצן.

„גורל” איז אַ בייסנדיקע סאַטירע איבער דער יידישער אַסימילירטער פּלוטאָקראַטיע פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער ראָמאַן הויבט זיך אָן אין יאָר 1905 און דערגייט ביזן אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יענע ברויזנדיקע יאָרן, ווען די יידישע אַרבעטער־מאַסן דערוואַכן צום פּאָליטישן קאַמף און שפּעטער, ווען ס׳לאָזן זיך איבער דער יידישער באַפעלקערונג אַראָפּ די קלעפּ פון באָיקאָט מצד דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם, פירט די יידישע אַסימילירטע פּלוטאָקראַטיע אַ פלירט מיט דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע און איז אַריינגעטאָן אין זומפּ פון אויסגעלאַסנקייט.

„איבער די חורבות פון פּלוינע” איז אי אינהאַלטלעך אי קינסטלעריש אַ סך טיפער ווי „גורל”. בורשטין באַשרייבט ווי ס׳ברעכט זיך אין די אַמאָליקע יידישע פאַרוואָרצלטקייט און איינגעזעסנקייט אינעם שטעטל פון די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן. דאָס יידישע קליינבירגערטום פאַרלירט זיין באַזע. די יידישע אינטעליגענץ ווערט פּרוכטלאָז. די יוגנט וואַקסט אויס אָן אויסזיכטן פון אַ צוקונפט. דאָס שטעטל ווערט באַהערשט דורך נייע געזעלשאַפטלעכע און אידעיִשע שטרעבונגען. עס מערן זיך די עמיגראַציע־שטימונגען און דער ציל איז דער עיקר ארץ ישראל. אָבער אויך דער ציוניסטיש־חלוצישער אויסוועג — ווען סערטיפיקאַטן קיין ארץ ישראל ווערן צוגעטיילט אויפן שפּיץ מעסער — איז אָן אויסוועג בלויז פאַר זעלטענע יחידים.

עס פעלן אין דעם ראָמאַן נישט קיין סאַטירישע מאָמענטן, ספּעציעל דאַן, ווען דער מחבר באַשרייבט די אידעיִשע קאַמפן אין שטעטל, די סאַטירע איז אָבער ביי אים אַ געדעמפּטע, ווייל דער מחבר פילט ווי לעבנס־ערנסט די דאָזיקע אידעיִשע קאַמפן זענען און ווי הילפלאָז עס זענען די וואָס פירן זיי.

דאָס קינסטלעריש רייפסטע ווערק פון בורשטינען איז „ביי די טייכן פון מאַזאָוויע”, וואָס שילדערט אַ ווייטערדיקן עטאַפּ אינעם ראַנגלען זיך פון די שטעטל־יידן. דאָס שטעטל איז פּונקט ווי פריער פול מיט סאָציאַלע קעגנזאַצן. אָבער די אומזיכערקייט און די שנאה פון דרויסן, די האָפענונגסלאָזיקייט און די אויסזיכטלאָזיקייט איז אַ בשותּפותדיקע פאַר אַלעמען. איינער פון די העלדן באַגייט אַפילו זעלבסטמאָרד (אַ זאַך וואָס איז אגב אין יענע יאָרן געווען אָן אָפטע דערשיינונג).

דאָס בוך פאַרענדיקט זיך מיט אַ פּאָגראָם. דאָס שטעטל ווערט חרוב און אויף די גאַסן וואָלגערן זיך די דערמאָרדעטע יידן. אַפילו דער בית עולם איז נישט געשאָנעוועט געוואָרן. און ווען די לעבנגעבליבענע יידן ברענגען זייערע קרבנות

צו קבורה און דערזעען די צעוואָרפענע און צעהאַקטע מצבות, פאַרגעסן זיי מיט־אַמאָל אָן זיך און נעמען „וויינען אויף דעם חורבן, וואָס האָט געטראָפן זייערע אבות אין די קברים".

צוויי יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קלינגען די דאָזיקע טענער ווי אַ פינצטערע פאָרויסזאָגונג פון דעם חורבן פונעם פּוילישן יידנטום.

אַ פאַרביק בילד פון דעם זיך צעפאַלנדיקן יידישן שטעטל־לעבן גיט ל י י ב ר אַ ש ק י ן אין זיין ראָמאַן „גאָדליבאָזשיץ", (פאַרלאַג „יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק" וואַרשע 1935). דאָס איז דאָס שטעטל פון דער צווישן־תקופה, פון צווישן דער ערשטער און צווייטער מלחמה, ווען די איינגעפונדעוועטקייט פון די פריערדיקע דורות האָט געהאַלטן אין צעפאַלן זיך און ווען ס'האָט זיך אַלץ מער אַנטפלעקט די באַדנלאָזיקייט פון דעם יידישן לעבן אין פּוילן. די יידן און ספּעציעל דער יונגער דור יידן גייען אַדורך אַ טיפן איבערברוך, וואָס שטויסט זיי אויף נייע וועגן. אַ טייל פון זיי פּראָלעטאַריזירט זיך. ס'וואַקסן אָן נייע אידעיִשע ווידעראַנאַנדן אויף דער יידישער גאַס. אַלטע איינגעפונדעוועטע אויטאָריטעטן פאַרלירן זייער איינפלוס. די קינדער זיצן שוין נישט אויס דעם פרייטיקצונאַכטס ביים טאַטנס טיש ווי אַמאָל. זייערע הערצער און געדאַנקן ווערן געצויגן אַנדערשווו. זיי ווערן באַהערשט דורך נייע שטרעבונגען. אויף דער יידישער גאַס גייט אָן דער געראַנגל צווישן אַלט און ניי, אַ געראַנגל וואָס האָט געדאַרפט פירן צו אַ נייער סינטעזע, וואָס האָט זיך אָבער פאַרענדיקט מיט אַן אַלגעמיינעם חורבן.

ראַשקינס טיפן זענען לעבעדיקע, קאָלירפולע, באַוועגלעכע. נישט געקוקט אויף זייער באַדנלאָזיקייט און אויף דער פּאַקטישער אויסזיכטלאָזיקייט פון זייערע באַמיִונגען ווייזן זיי אַרויס אַ וווּנדערבאַרע האַרטנעקיקייט און אַ ווידערשטאַנדפעיִקייט, וואָס וואָלטן אין אַנדערע גינציקערע באַדינגונגען געווען פאַר זיי אַ ברכה און זיי באמת געהאָלפן איבערצוגעשטאַלטיקן זייער גורל. אין זייער שטעטל אָבער, אין זייערע לעבנס־תנאים זענען די קאָנסטרוקטיווע כחות, וואָס זיי ווייזן אַרויס, פאַרמשפּט צו גיין אין ניוועץ. אפילו די נייע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, וואָס זענען אין שטעטל אַריינגעדרונגען, קלינגען אָפּ אויף דעם באָדן, אין דער סביבה ווי פאַלשע, אויסגעדראָשענע פראַזעס, ווי אָפּהילכן פון נישט דערפילטע, אויסגעלאָשענע האָפענונגען.

צו פולער שלימות אין דער פּראָזע איז דערגאַנגען י. י. ז י נ ג ע ר. אָנגעהויבן האָט ער מיט נאָוועלן, און גלייך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין טרעפלעכן שילדערן פון דער מענטשלעכער פּסיכיק.

פון די נאָוועלן איז זינגער אַריבער צום ראָמאַן, וואָס האָט מיט זיינע ברייטע לייוונטן אים געגעבן מער פּלאַץ און באַקוועמלעכקייט אויסצושפּרייטן זיין דורכאויס עפּישן טאַלאַנט. זיין ערשטער ראָמאַן: „שטאָל און אייזן" (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1927), וואָס האָט אַרומגענומען דאָס יידישע לעבן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, איז נאָך דערוויי̇ל געוועזן אַ שטאַפּל צום אייגנטלעכן ראָמאַן. דאָס איז געוועזן אַ מין זאַמלונג פון קלענערע און גרעסערע נאָוועלן, אין וועלכע ס'זענען באַשריבן געוואָרן צענדליקער עפּיזאָדן פון דער מלחמה־צייט.

ערשט מיט „יאָשע קאַלב" (וואַרשע 1932) איז זינגער דערגאַנגען צום אמתן ראָמאַן, פאַרמעסטנדיק זיך צו געבן אַ ברייט געמעל פון די רבישע הייף, וואָס זענען פאַר דער מאַסע חסידים איינגעהילט געווען אין א טלית פון קדושה און האָבן נאָך אפילו פאַר גרויסע טיילן פון דער יידישער מאַסע סימבאָליזירט דעם אויסגעחלומטן עולם העליון פון די צדיקי הדור לויטן מוסטער פון די שאַפער פון חסידות. זינגער האָט אַראָפּגעריסן אָט דעם פאַלשן ראָמאַנטישן שלייער און באַוויזן דעם עולם התחתון פון געוויסע „הייליקע יידן", וואָס זייערע אויפפירונגען, תאוות, צביעות זענען געווען נישט מער ווי אַ פאַרקריפּלונג, אַ דעגענעראַציע פון דער אַמאָליקער חסידישער הערלעכקייט.

„יאָשע קאַלב" האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אַ ברייטן לייענער־עולם. אין דער זעלבער צייט האָט דער ראָמאַן אַרויסגערופן נישט ווייניק בייזע קריטיק אין די רייען פון דעם רעליגיעזן יידנטום. אויך האָבן אַ טייל ליטעראַטור־קריטי־קער אויסגעדריקט באַוואָרענישן וואָס שייך דעם ריין קינסטלערישן ווערט פון ראָמאַן.

זיין דריטער ראָמאַן „די ברידער אשכנזי" (אין דריי בענד, פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ וואַרשע 1936) איז אַ פּרווו צו שילדערן דעם היסטאָרישן גאַנג פון אַ יידישן ישוב אויף דער פוילישער ערד. דאָס איז דער אויפשטייג פון דעם יידישן לאָדזש פון זיינע ערשטע טריט ביז זיין אינדוסטריעלן, סוחרישן גרויסקאַפּיטאַ־ליסטישן צעוואַקסן זיך, אַריינוואַקסן אין דער פוילישערווירטשאַפט און ווערן איר אומאָפּפרעגלעכער באַשטאַנדטייל. דאָס איז דער וווקס פון דעם יידישן בירגערטום און פאַראַלעל מיט אים דאָס אויפגיין און די אַנטוויקלונג פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט ביז צו די ערשטע אויפשפּראָצן פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועּ־גונגען. עס איז אַ קייט פון דורות, אַ גאַלעריע פון טיפּן און געשטאַלטן, אַ קאָנ־פראָנטאַציע פון אַלט און ניי, פון קאָנפליקטן און קעגנזאַצן, אַ שפּיל פון אינטערעסן און טריבן, באַשריבן און געשילדערט אין אַ רייכער מאָלערישער שפּראַך, מיט

אַ חוש פאַר דורכדרינגלעכע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן פון די העלדן און פאַר דראַ־מאַטישע גראַדאַציעס פון זייערע מעשים.

מיט די צוויי ראָמאַנען האָט זיך זינגער אַרויסגעוויזן ווי אַ פּראָזע־מייסטער פון אַ גאָר הויכער מדרגה, און זיך דערוואָרבן אַ אַנגעזעען אָרט אין דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער בעלעטריסטיק. קיינער ביז אים האָט אין דער יידישער ליטעראַטור נישט באַוויזן אַזוי ווי ער פּערפעקט־אַרכיטעקטאָניש אויפצושטעלן דעם געבוי פון אַ ראָמאַן.

אויף גאַנץ אַנדערע וועגן האָט זיך פאַרנומען דער טאַלאַנטירטער און אייגנאַרטיקער **יצחק באַשעוויס**. באַשעוויס פאַרמאָגט גרויסע קינסטלע־רישע מיטלען צו צייכענען טיפן, צו געבן זיי קלאָרקייט און באַוועגונג, אַריינצודרינגען אין זייערע אינערלעך וועזן און אַרויסצוכשופן פון זיי אַ גאַנצע פאַרבאָרגענע וועלט. זיינע פּערסאָנאַזשן זענען נישט פון **דער** וועלט. זיי געהערן צו אַ יידישער „יענער וועלט", אַן עקזאָטישער, אַן אַרכאַישער. זיי זעען אויס ווי אַרויסגענומענע פון אַלטע יידישע קבלה־ספרים און ווירקן ווי מיסטישע, אומהיימלעכע באַשעפענישן. זיי זענען געווען אַ פּראָדוקט פונעם מחברס וויזיעס. די קעגנוואַרט האָבן זיי נישט אָפּגעשפּיגלט.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר באַשעוויסן, וואָס גראָד אין יאָר 1935, ווען דער יידישער גורל אין פּוילן האָט זיך שוין שטאַרק געוואָיגן אויף דער היסטאָרישער וואָג־שאָל, ווען סכנות וואָס אַ טאָג גרעסערע האָבן אַרומגערינגלט דאָס יידישע לעבן און באַדראָט דעם עצם קיום פון פאָלק, האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ שוין פון לאַנג אָפּגעלעבטער מיסטישער וועלט און אַרויסגעבראַכט פון איר העלדן און געשעענישן, וואָס האָבן מיט דעם שוידער, וועלכן זיי האָבן אַרויסגערופן, נאָך מער געקענט פאַראומערן דאָס לעבן פון די לעבעדיקע יידן. דערצו האָט ער נאָך צוזאַ־מען מיט זיינע העלדן אַרויסגעפירט אויף דער סצענע שדים און רוחות, מזיקים און טייוולאָנים, לצים און לאַפּיטוטן.

אין זיין ראָמאַן „דער שטן פון גאָריי" (וואַרשע, 1935) באַשרייבט באַשעוויס מיט אָט אַ די מיטלען זיינע די עפּאָכע פון גזירת ת"ח און שבתי צבי אין אַן אַמאָליקן שטעטל פון פּוילן מיט אירע אומהיימלעכקייטן און אויך מיט די האָפע־נונגען, משיח־דערוואַרטונגען און אויסקוקענישן אויף דערלייזונג. קדושה און טומאה, מיסטיק און עראָטיק. יצר הרע און יצר טוב גייען דאָ געשפּאַנט צוזאַמען. און איבער אַלעם שוועבן אַרום די געשפּענסטער, די שדים, די לצים.

אין זיין וויזיע האָט באַשעוויס מסתם געזען נישט איין פאַרגלייך צווישן דער

יידישער ווירקלעכקייט אין פוילן פון די דרייסיקער פאַרמלחמה־יאָרן און צווישן יענער פאַרגאַנגענער פינצטערער עפּאָכע. אַ דאַנק זיין גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט זענען זיינע שילדערונגען פון יענעם שטעטל פון מיט 300 יאָר פריער אַרויסגעקומען וווּנדערשיינע הן מיט זייער פּלאַסטישקייט הן מיט דער צוגעפּאַסטער שפּראַך, מיט איר אַרכאַישקייט און געטאָקטקייט.

ווי אַן אמתער מייסטער פון דער יידישער נאָוועלע האָט זיך אַרויסגערוקט א פ ר י ם  ק אַ ג אַ נ אָ װ ס ק י, איינער פון די יינגסטע פון דעם דור שרייבער, וואָס פלעגן אַריינקומען אין פּרצ׳עס שטוב אַריין, ווו ער האָט אויך געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט.

אין דעם צווישנמלחמהדיקן פוילן איז קאַגאַנאָווסקי אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן. אין זיינע נאָוועלן („טירן־פענצטער״ 2 אויפלאַגעס, וואַרשע, 1921—1923, „לייב און לעבן״ — ב. קלעצקין, ווילנע 1928, „פיגורן״ — דערציילונגען — „פען ביכער״, וואַרשע, 1937) האָט ער אויף אַ שפּילעוודיקן אופן געמאָלן בילדער פון יידישע פאָלקס מענטשן פון די וואַרשעווער הינטער־געסלעך, פון דער אָרימקייט, אפילו פון דער אונטערוועלט, אָבער אויך פונעם קליינבירגערטום. אַ באַאיינפלוסטער דורך אַזעלכע מייסטערס פון דער נאָוועלע ווי מאָפּאַסאַן און טשעכאָוו, האָט קאַגאַנאָווסקי אין זיינע נאָוועלן, געשעפּטע פון דער פויליש־יידישער טעמאַטיק, אַריינגעבראַכט שטימונג, טרויעריקן ליריזם, אפילו לייכטן הומאָר און געגעבן געלונגענע בילדער פון זיינע געשטאַלטן. ער האָט די העלדן זיינע אַרויסגעבראַכט אויף אַ לייכט פּסיכאָלאָגישן אופן, אויפגעדעקט זייערע אינטימע טריבן, די מייסטנס פאַרהוילענע שפּילן צווישן געשלעכטער. זיינע שילדערונגען קומען אַרויס לויטער, קלאָר, געמיטלעך, אָן שאַרזש, דיסקרעט, זיי ווירקן מיט זייער ליריזם און מיט זייער איראָנישן הומאָר.

קאַגאַנאָווסקיס נאָוועלע איז געמאָסטן, עלעגאַנט, בילדעריש און צומאָל אַ ביסל פילאָזאָפיש.

פון גאָר אַן אַנדער טעמאַטיק זענען די נאָוועלן פון ר ח ל  ק אָ ר ן. שוין דער נאָמען אַלייך פון איר בוך נאָוועלן: „ערד״ (פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״ 1936) זאָגט עדות וועגן זייער אינהאַלט. רחל קאָרן איז אַן ענג צונויפגעוואַקסענע מיטן דאָרף אין מזרח־גאַליציע, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. זי באַשרייבט די יידישע פּויערים, וואָס לעבן אויף דער ערד אַ געזונט, נאַטירלעך לעבן, באַאַרבעטן זי און ציען אַרויס פון איר נישט נאָר זייער טעגלעך ברויט, נאָר אויך זייער לעבנס־פרייד. זייער אָרגאַנישע צונויפגעוואַקסנקייט מיט דעם באָדן,

מיט דעם דאָרף שאַפט ביי די דאָזיקע יידן אַ מין קריטישע באַציונג צו די יידן פונעם נאָענטן שטעטל ענלעך צו דער, וואָס עס האָבן צו די יידן די פוילישע פויערים. זי האָט אויך ביי זיי אַנטוויקלט דאָס שטאַרקע אייגנטום־געפיל צו זייער ערד און צו זייערע בהמות, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פויערים בכלל.

רחל קאָרנס שפּראַך איז די שפּראַך פונעם דאָרפישן ייד. עס פילט זיך פון איר דער ריח פון דער פעטער צעאַקערטער ערד, פון פעלדער און לאָנקעס, פון קי און פון פערד.

אַ ל ט ע ר   ק אַ צ י ז נ ע, וואָס האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אויך געהערט צום קרייז אַרום פּרצ׳ן, האָט אָנגעהויבן מיט פאַרשידענע פּאָעמעס, אָבער אמתע רייפקייט האָט ער ערשט אַרויסגעוויזן מיט זיין בוך „אַראַבעסקן" — (נאָוועלן און מעשה׳לעך, 1922). נאָך וועלכן ער האָט פאַרפאַסט אייניקע דראַמעס ווי אויך אַ ראָמאַן אין צוויי בענד „שטאַרקע און שוואַכע" (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1929). אויפן פאָן פון וואַרשע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, שילדערט קאַציזנע אין דעם ראָמאַן דאָס לעבן פון אַ געוויסן טיפּ יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז פאַרטאָן אין קינסטלערישער און געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט.

אַלטער קאַציזנע איז געווען אויסגעשפּראָכן אַנגאַזשירט אויף לינקס און האָט רעדאַגירט דעם טעגלעכן פּראָגרעסיוון אָרגאַן „דער פריינד", וואָס איז דער־שינען אַ געוויסע צייט אין די דרייסיקער יאָרן אין וואַרשע. אין דער צייטונג פלעגט ער פאַרעפנטלעכן זיינעם אַ קאָלום, מיט אָפּרופן אויף לויפנדיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אַרויסווייזנדיק דערביי מוט און געוואַגטקייט. אַ צייט האָט ער אויך אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם צוויי וועכנטלעכן זשורנאַל „מיין ריידנדיקער פילם" און אויך דאָרט קעמפעריש באַהאַנדלט אַקטועלע פראַגן.

דער דיכטער מ ש ה   ק ו ל ב אַ ק האָט אין זיין פוילישער תקופה, איידער ער איז אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד (אָקטאָבער 1928), פאַרעפנטלעכט צוויי פּראָזע־ווערק. „משיח בן אפרים" — (פאַרלאַג „וואָסטאָק", בערלין 1924) איז אַ ראָמאַן, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן פאָלקלאָר, רעאַליזם, ליריזם און עקספּרעסיאָניזם. פון דער יידישער ערדישער, גרויער, וואָכעדיקער עקזיסטענץ כשופט קולבאַק אַרויס איבער־ערדישע, הימלישע, דערהויבענע יידישע געשטאַלטן, וואָס טראָגן אין זיך דעם אָנזאָג פון דער גאולה פאַר דער וועלט. דאָס זענען פּראָסטע יידן „מיט צעפּאַטלטע בערד, באַפּעלצטע, אין שטיוואַלעס, מיט בעריאָזענע שטעקנס אין די הענט", „די ל״ו, וואָס גייען אַרום אָפּגעזונדערטע און עלנטע ביים ברעג פון דער וועלט" און פילן אויס די שליחות פון וועלט־דערלייזער.

אין יאָר 1926 דערשיינט אין וואַרשע (פאַרלאַג „קולטור־ליגע") זיין צווייטער „קליינער ראָמאַן": „מאָנטאָג", געהאַלטן אין דעם זעלבן ליריש־עקספּרעסיאָניסטישן טאָן, וואָס „משיח בן אפרים". דער העלד פון „מאָנטאָג" וויל דערגיין צו דער מדרגה פונעם שטומען דומם, צו דער „שטילער פרייד פון גאָרנישט ווערן" (און גאָרנישט טאָן). „נישט טוענדיק בלייַבן דאָךביימער". דאָס איז דער אויסדרוק פון קולבאַקס לירישן געמיטצושטאַנד, אַ מין שטילער פּראָטעסט קעגן דעם „קאָכן זיך און שטורעמען און קעמפן, וואָס ברענגט סיי ווי צו גאָרנישט".

צו אמתער שלימות אין דער דערציילערישער פּראָזע איז קולבאַק דער־גאַנגען אין זיינע „זעלמעניאַנער", אָבער דאָס געהער שוין צו זיין שפּעטערדיקער, דער סאָוויעטישער תקופה.

ווי אַ קרעפטיקער פּראָזע־מייסטער אַנטפּלעקט זיך א. מ. פוקס, פון מיזרח־גאַליציע, מיט זיינע צוויי שאַפונגען: „אויפן בערגל" (פאַרלאַג פּרץ־ביב־ליאָטעק, וואַרשע 1924) און „אונטער דער בריק" (קולטור־ליגע, וואַרשע 1924). שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט א. מ. פוקס אַרויסגעגעבן אין לעמבערג (1912) אַ זאַמלונג פון 4 דערציילונגען אונטערן טיטל: „איינזאַמע".

אין „אויפן בערגל" און „אונטער דער בריק" שילדערט פוקס אויף אַ קינסט־לעריש־רעאַליסטישן אופן פאָלקס־מענטשן פון דער נידעריקסטער סאָציאַלער שיכט אינעם יידישן גאַליציאַנער שטעטל, די אומגליקלעכסטע און געפאַלנסטע: טיפּן פון בלינדע, פון קראַנקע, פון משוגעים, פון גאַסן־פּרויען, פון מערדערס און אפילו פון זעלבסט־מערדערס. אין אַ פאַרביקער און אידיאָמאַטישער שפּראַך ברענגט דער מחבר אַרויס די פאַרהוילנסטע זייטן פון די געשילדערטע פאַרשוינען.

מיט זיינע נאָוועלן האָט זיך אויסגעצייכנט ש. בערלינסקי. אין יאָר 1930 איז אַרויס זיין ערשטער באַנד דערציילונגען „אינדרויסן" (פאַרלאַג שקליאַר, וואַרשע), אין יאָר 1933 אַ צווייטער באַנד: „צו אַ נייער וועלט" (פאַרלאַג טורעם, וואַרשע) און אין יאָר 1937 — „אַ לעבן גייט אויף" (פּען־קלוב, וואַרשע). זיינע דערציילונגען זענען פּלאַסטישע און סובטעלע שטייגער־שילדערונגען פונעם מחברס שטעטל, פון זיין היים, פון זיינע קינדער־יאָרן. זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער קאָנצענטרירקייט, מיט דער פּרעציזקייט און פאָלקסטימלעכקייט פון דער שפּראַך. זיי זענען אַ שטיק אויטאָביאָגראַפיע פונעם מחבר און מאָלן אויס די יידישע קינדערוועלט, אָן אָנגעלאָדענע מיט אומעט, מיט זאָרג און מיט אָרימקייט.

לייב אָליצקי, אַ געקומענער פון וואָלין, האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער נאָוועלן און ראָמאַנען, וואָס גיבן רעאַליסטישע שילדערונגען פונעם יידישן לעבן אין די שטעטלעך איבער דער גאַנצער תקופה פון דער ערשטער

וועלט־מלחמה ביז צו דער פערטער עליה. שוין אין זיינע ערשטע דערציילונגען („די עסטרייכישע תליה", פאַרעפנטלעכט אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך אין יאָר 1924", „אין אַן אָקופּירט שטעטל" — דערציילונגען, פאַרלאַג „אייגנס", וואַרשע 1924, „אין שיין פון פלאַמען" — נאָוועלן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1927) ווייזט ל. אַליצקי אַרויס אַ פיינע אָבסערוואַציע־פעיקייט ביים געשטאַלטיקן זיינע טיפּן.

אין זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען, אין ראָמאַן „געראַנגל" (קולטור־ליגע, וואַרשע 1932) און „דער זון אַנטקעגן" — דערציילונגען פאַר קליין און גרויס (וואַרשע 1933) פאַרפולקאָמט זיך ל. אַליצקיס פּראָזע־טאַלענט.

אין זיין ראָמאַן „הונטמאַן", דערשינען אין יאָר 1937 (פאַר. קולטור־ליגע) דערגייט ל. אַליצקי צו אַ טיפער, דורכדרינגלעכער פּסיכאָלאָגישער שטודיע פון זיין הויפּטהעלד.

ש. בערלינסקי און ל. אַליצקי געהערן שוין צו דער יינגערער פּלעיאַדע יידישע פּראָזאַיקער אין פוילן. צו זיי דאַרף מען אויך צורעכענען אַ ריי אַנדערע, פון וועלכע מיר וועלן בלויז דערמאָנען עטלעכע.

מרדכי האַלטער האָט אין יאָר 1937 אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן „מיר גרייטן זיך" וועגן דעם לעבן פון דער חלוצישער יוגנט אין פוילן, וווּ ער שילדערט די הכשרה ווי אויך דעם דראַנג פון דער יוגנט צו עליה.

יקיר וואַרשאַווסקי, וואָס האָט אויך אַ סך געשריבן אין העברעיש, האָט אין יאָר 1937 פאַרעפנטלעכט אַ באַנד דערציילונגען פונעם חסידישן לעבן אין שטעטל אונטערן טיטל: „די לעצטע" (פון מיין חסידישער היים).

די צאַלרייכע לאָדזשער ליטעראַרישע גרופּע, צו וועלכער ס'האָבן געהערט די שוין דערמאָנטע ישראל ראַבאָן און דער יינגערער ש. בערלינסקי, האָט פאַרמאָגט נאָך מערער יונגע פּראָזאַיקער. יוסף סמאָלאַזש האָט אין יאָר 1937 פאַרעפנטלעכט אַ באַנד קורצע דערציילונגען „היים און פרעמד" (פאַרלאַג „אות" לאָדזש). יוסף אָקרוטני האָט אַ יאָר פריער אַרויסגעגעבן אַ באַנד דער־ציילונגען „אונדזער אָרעם ברויט" און אין יאָר 1938 אַ ראָמאַן „אַ הויז אויף אַלטשטאָט". פּרץ אָפּאָטשינסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע בילדער אונטערן נאָמען „נע ונד".

צו די מזרח־גאַליצישע פּראָזאַיקער, צו וועלכע ס'געהערן די שוין פריער דערמאָנטע רחל קאָרן און א. מ. פוקס, דאַרפן נאָך צוגערעכנט ווערן:

הערץ בערגנער, וואָס האָט אין יאָר 1935 אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג פון מאַרק ראַקאָווסקי אין וואַרשע אַ בוך נאָוועלן: „שטובן און גאַסן".

דער דיכטער בער האָראָוויץ, וואָס האָט אין יאָר 1923 אַרויסגעגעבן

אין וואַרשע (פאַרלאַג „וואַנדערער") זיין בוך לעגענדעס אין פּראָזע: „וווּנדערלעכע מעשיות" וועגן דעם בעל שם טוב און דעם אוקראַיִנישן רויבער דאָבאָש, וואָס האָבן ביידע געלעבט אין די קאַרפּאַטן־בערג.

ירחמיאל גרין, אַ יונגער פּראָזאיִקער, וואָס האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אין יאָר 1938 מיט זיין ראָמאַן „באַרג־יידן". דאָס דאָזיקע בוך מיט זיינע אייגנאַרטיקע מאָטיוון וועגן דעם שטייגער־לעבן פון די יידן אין די קאַרפּאַטן־בערג, איז געווען אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור. עס האָט אַרויסגעבראַכט אַ ביז דאַן אומבאַקאַנטע יידישע וועלט מיט אירע געוווינהייטן און מיט איר אייגענעם ספּעציפישן לשון. זיין צווייטער ראָמאַן „די וועבער פון קאָלאָמיי" וועגן דעם לעבן פון די טליתים־וועבער אין קאָלאָמיי סוף 19־טן יאָרהונדערט, וואָס איז אַ קרעפטיקע שילדערונג פון סאָציאַלע קאָנפליקטן אין יידישן לעבן פון יענער עפּאָכע, איז געדרוקט געווען אין המשכים אין „היינט". אין יאָר 1941 איז דער ראָמאַן דער־שינען אין בוכפאָרם אין פאַרלאַג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין ס.ס.ס.ר. (קיעוו־לוואָוו).

לאָמיר נאָך צום סוף דערמאָנען:

דוד מיצמאַכער, וואָס האָט שוין אין יאָר 1926 אַרויסגעגעבן „שמאָטע־קלייבער" און אַנדערע דערציילונגען, אָבער ערשט אין יאָר 1930 האָט ער זיך שטאַרק באַקאַנט געמאַכט מיט זיין פּרעכטיקער פאָלקס־דערציילונג „די קאַפּעליע". אַ יאָר שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן א. ט. „אויפן ברוק" (פאַרלאַג קולטור־ליגע).

בנימין שלעווין, וואָס האָט אַנגעהויבן שרייבן וועגן דעם לעבן און קאַמף פון די יידישע אַרבעטער ספּעציעל אויף די געביטן פון די מזרח־קרעסן. שוין פאַר דער מלחמה איז ער אַוועק קיין פּאַריז. זיינע ביכער „צווישן ווענט" און „דער מאַרש אויף בריסק" צייכענען זיך אויס מיט פיינע סביבה־שילדערונגען און אָטעמען מיט סאָציאַלן פּראָטעסט און רעוואָלוציאָנערן אויפברויז.

משה לעווין, וואָס האָט געהערט צו דער דיכטער־גרופּע „יונג־ווילנע", איז אויך געווען אַדורכגעדרונגען מיט פּראָגרעסיווע אידעען, וועלכע זענען געקומען צום אויסדרוק אין די דערציילונגען פון זיין זאַמלונג „פרילינג אין קעלער־טוב", וואָס זענען געווען אי רעאַליסטיש אי פול מיט געפילן צו די אָרימע און געפּלאָגטע.

זלמן סקאַלאָוו און יהודה פעלד זענען נאָך אין די ערב חורבן יאָרן געווען גאָר יונג אין דער יידישער פּראָזע. אין וואַרשעווער געטאָ האָבן

זיי צוזאַמען מיט דעם אויבן דערמאַנטן לאָדזשער פּרץ אָפּאַטשינסקי געהערט צו די סאַמע פּרוכבאַרסטע מחברים.

צו די פּראָזע־שאַפערס אינעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן דאַרף אויך צוגע־רעכנט ווערן „דער טונקעלער" (יוסף טונקל), וואָס האָט געשריבן הומאָרעסקעס און פּאַראָדיעס. ער איז געווען אַ מייסטער צו שילדערן די פּאַרשידענע זייטן פונעם יידישן לעבן אין פּוילן, דער עיקר, פּאַרשטייט זיך, זיינע קאָמישע און צומאָל שאָטן־זייטן. אין זיינע פּאַראָדיעס האָט ער אויף אַן איידעלן און גוטמוטיקן אופן זיך לוסטיק געמאַכט איבער דער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפערס. דעם טונקעלערס שאַפונגען האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט זייער פיינקייט, גע־מאָסטנקייט און וויץ, מיט זייער צוגעפּאַסטער שפּראַך און מיט זייער צוטרעפן אין פּינטל אַריין.

פּ אָ ע ז י ע

איינצייטיק מיט דער פּראָזע האָט זיך צעבליט און צעוואַקסן די יידישע דיכטונג. איר אויפשוווּנג איז געווען נאָך אַ שנעלערער און אימפּעטיקער.

פון די דיכטער, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט דערוואָרבן אַ נאָמען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען נאָך פּרצ׳עס טויט געבליבן בלויז געציילטע. צווישן זיי איז דער אָריגינעלסטער געווען דער גראָדנער ל י י ב נ י י ד ו ס.

ער האָט געהערט צו די פילבאַרסטע און ראַפינירטסטע יונגע יידישע דיכטער פון זיין צייט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין יידיש האָט ער אַלט זייענדיק 17 יאָר (אין 1907, אין דער וואַרשעווער „ראָמאַנצייטונג") און פון דאַן אָן טרעפט מען שוין זיינע שאַפונגען זייער אָפט אין יידישע זשורנאַלן און זאַמלביכער אין ווילנע און אין וואַרשע. ער האָט אויך איבערגעזעצט לידער פון פּושקין, לערמאָנטאָוו, באָדלער, ווערלען, ווערהאַרען און פון אַנדערע, באַרייכערנדיק דערמיט די יידישע דיכטונג מיט פּרעכטיקע פּאָעטישע ווערק, וואָס ער האָט אויסגעמייסטערט און אויסגעשליפן.

אין יאָר 1917 פאַרעפנטלעכט ער אין גראָדנע זיין פּאָעמע „די פליייט פון פּאַן" (דער גאָט פון פעלד און וואַלד). אין יאָר 1918 דערשיינט זיין פּאָעמע „די ערד דערוואַכט".

די טעמאַטיק זיינע שעפט ניידוס פון די פאַרשיידנסטע קוואַלן: פון דער נאַטור, פון ליטווישן פייזאַזש, פון פעלד, פון בלומען, פון יידישן שטייגער, פון יידישן גורל, פון יידישן צער און יידישער פרייד. ניידוס איז דער זינגער פון ליבע, דער ליריקער, דער ראָמאַנטיקער, דער יידישער טרוימער, וואָס איז אויך פאַר־ליבט אין די שיינקייטן פון אַלטן גריכנלאַנד. זיין שפּראַך איז אַ מאָלערישע און

אַ מצומצומדיקע.ניידוס איז דער מייסטער פון ריטם און פון גראַם, אין זיינע פערזן איז פאַראַן אַ גליקלעכער זיווג פון נעאָלאָגיזמען, מערסטנס אייראָפּעיִשע מיט העברעיזמען, פון ראַפינירטער אייראָפּעיִשקייט מיט יידישער פּילבאַרקייט.

געציילטע חדשים נאָכדעם ווי די פּאָעמע „די ערד דערוואַכט" איז דערשינען איז ניידוס געשטאָרבן אין בליענדיקן עלטער פון 28 יאָר (דעצעמבער 1918).

דער נייער דור דיכטער פון די ערשטע יאָרן — בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך איר — איז געווען אַ גאַר יונגער. דער דור האָט נישט געקענט די פאַרחלומטע ראָמאַנטישקייט פון פאַר דער מלחמה. קיין טיף איינגעאַקערטע טראַדיציעס האָט ער נישט פאַרמאָגט. דער איינציקער איינפלוס פון פריער, וואָס איז געהאַט פאַרבליבן, איז געווען דער פון פּרצן, פון זיין גרויסער ירושה, וואָס האָט טאַקע באַוויזן צו באַגייסטערן און באַפרוכפּערן אַ טייל פון די נייע מיט רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַלן פּאַטאָס און מיט דער וויזיע פון וועלט־דערלייזונג.

די מלחמה מיט אירע בלוטיקע שלאַכט־פעלדער, די אָקופּאַציע־צייט מיטן הונגער און פּיין, די היימלאָזיקייט, דער נע ונד און די אכזריותדיקייטן מכל המינים וואָס דער יונגער דור האָט געהאַט אויסצושטיין און צווישן אים נישט אייגער פון די דיכטער, האָבן קיין פּלאַץ נישט איבערגעלאָזן פאַר ראָמאַנטישקייט אין די נשמות פון די יונגע פּאָעטן. אַלץ אין זיי האָט געברויזט, זיך רעוואָלטירט. דאָס וואָס איז געקומען אין דער פּראָזע צום אויסדרוק דורכן רויען און נאַקעטן נאַטוראַ־ליזם, האָט אין דער דיכטונג אָנגענומען די פאָרם פון ברוטאַלקייט, פון „באָרוועסע" ווערטער, וואָס האָבן אויסגעדריקט ווילדן פּראָטעסט פון אַנטוישטע, פאַרביטערטע דיכטער אָדער פון אַזעלכע, וואָס דאָס אַכזריותדיקע לעבן האָט נאָך בכלל נישט געהאַט באַוויזן צו באַשענקען מיט אַ גלויבן.

אין אַזאַ אַטמאָספער האָבן זיך אַריינגעריסן די ברויזנדיקע, שטורמישע ווינטן פון אָקטאָבער, וואָס האָבן דעם פּראָטעסט פון סאָציאַל־באַעוולטן, עלנטן און הונגעריקן מענטשן אַריינגענומען אין דעם מעכטיקן קאָלעקטיוון אויסגעשריי פון מיליאָנען, וואָס זענען אַרויס צעשטערן די אַלטע שלעכטע וועלט און אויף אירע חורבות אויפבויען אַ נייע, אַ בעסערע.

פון ראַטנפאַרבאַנד איז אין 1921 געקומען קיין פּוילן פּרץ מאַרקיש. ער האָט זיך נאָך פריער באַקאַנט געמאַכט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער איז צוזאַמען מיט דוד האָפשטיין און לייב קוויטקאָ געשטאַנען בראש פון דער יונגער יידישער פּאָעזיע אין אוקראַינע, פון דעם אַזוי גערופענעם „קיִעווער פּעריאָד". ער האָט שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין פּראָגראַם־פּאָעמע „די קופּע", אין וועלכער ער האָט

דורך לעסטערונגען געפּרוווט אויסדריקן די גאַנצע פּיין און חרפּה פון די שחיטות אין אוקראַינע.

אין פוילן האָט זיך פּרץ מאַרקיש תיכף געשטעלט ווי איינער פון די ערשטע פון דער גרופּע פון די דעמאָלט יונגע רעוואָלוציאָנערע דיכטער. ער איז מיט זיינע לידער, פּאָעמעס און עפּנטלעכע אַרויסטריטן שנעל געוואָרן דער ליבלינג פון דער יידישער יוגנט, וועמעס פרייד און אימפּעט ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען, שטאַרק באַאיינפלוסטע פון אַ. מאַיאַקאָווסקי און פון דעם ברען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. זיינע לידער, געדרוקטע אין אַלמאַנאַך „כאַליאַסטרע", אַרויסגעגעבן אין יאָר 1922 דורך פּרץ מאַרקיש און י. י. זינגער, ווי אויך די שוין אויבן דערמאַנטע פּאָעמע „די קופּע", וואָס איז אַרויס אין פוילן אין אַ נייער אויפלאַגע (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1921), האָבן צעפּענטעט אין דער יידישער פּרעסע אַ שאַרפע פּאָלעמיק, וואָס האָט צעטיילט די לייענער און שרייבער אין צוויי לאַגערן: פּאַר און קעגן.

פּרץ מאַרקיש האָט באַרייכערט די יידישע דיכטונג מיט נייע מאָטיוון, אַריינ־געבראַכט אין איר נייע גראַם־פאָרמען. די יידישע שפּראַך האָט ער אָפּגעפּירשט מיט נייע אויסדרוקן און ווערטער.

צו דער זעלבער לעסטערער־גרופּע, וואָס פּרץ מאַרקיש, דאַרף פאַררעכנט ווערן אורי צבי גרינבערג פון מזרח־גאַליציע.

זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „ערגעץ אויף די פעלדער" (לעמבערג 1915) איז דאָס ערשטע בוך אין יידיש מיט מלחמה־מאָטיוון, געשריבן פון איינעם, וואָס האָט דעם גרויל פון די שלאַכט־פעלדער דורכגעמאַכט אויף זיין אייגענער הויט. אין 1920 קומט אורי צבי גרינבערג קיין וואַרשע, וווּ ער באַטייליקט זיך אין זאַמל־בוך „רינגען" (אויסגאַבע פון די יונגע יידישע דיכטער) ווי אויך אין דער „כאַ־ליאַסטרע". ער גיט אַליין אַרויס דעם זשורנאַל „אַלבאַטראָס" (1922), וווּ ער פּראָק־לאַמירט זיין „מאַניפעסט צו די קעגנער פון דער נייער דיכטונג".

זיינע איבערלעבענישן אויף די שלאַכטפעלדער בעת די מלחמה־יאָרן און דאָס וואָס ער האָט דורכגעמאַכט שפּעטער אין לעמבערג בעתן מוראדיקן פּאָגראָם (נאָוועמבער 1918) האָבן אורי צבי גרינבערגן געבראַכט צום קולט פון טומאה און צו לעסטריי, צו אַ דעקאַדענטן פּעסימיזם, וואָס קומט בעיקר צום אויסדרוק אין זיין פּאָעמע „מעפיסטאָ" (לעמבערג 1921, 2־טע אויפלאַגע, וואַרשע 1922), וואָס איז איינער פון די מערכטיקסטע דאָקומענטן פון דעם מענטשלעכן און יידישן גורל אין יענע טעג. דער פאַרצווייפלטער און אַנטוישטער דיכטער פירט אין דער פּאָעמע אַרויס דעם פינצטערן כח, מעפיסטאָ, וואָס האָט אַריינגעשליידערט די וועלט אין

תהום פון הפקירות. נאָכדעם ווי „געטער זענען געשטאָרבן, פעלקער זענען אויסגע־גאַנגען" און „פּרוכפּערדיקע פעלדער זענען געוואָרן סטעפּעס", לעבט מעפיסטאָ־פעלעס און „לאַכט פון אַלע דאַזיינס".

אין תוך איז א. צ. גרינבערג דער דיכטער פון זעלבסט־פּיין, איינגאַנצן אַ דורכגעדרונגענער מיט נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, וועמען ס'איז אויך נישט פרעמד געווען רעליגיעזער יידישער געפיל און עלעגישע סענטימענטאַליטעט.

אויך משה בראָדערזאָן האָט זיך אין יענע יאָרן באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע ניי־קלינגענדיקע עקספּרעסיאָניסטישע לידער. שוין פאַר דער מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער: „שוואַרצע פליטערלעך" (פּיעטריקאָוו 1913). אין די יאָרן 1917—1919 פאַרעפנטלעכט ער אין מאָסקווע לידער, אין וועלכע ער ווייזט שוין אַרויס שפּראַך און פאָרם־מייסטערשאַפט. („שיחת חולין", „אַ פּראַגער לעגענדע", „תמרל", „אַ באַבע־מעשהלע").

אין יאָר 1919 גרינדעט ער אין לאָדזש צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע דיכ־טער און קינסטלער דעם קרייז „יונג־אידיש" און גיט אַרויס אונטער דעם נאָמען זעקס זאַמל־העפטן, וואָס דריקן אויס די שטרעבונגען פון די יונגע יידישע דיכטער.

אין פאַרלאַג „יונג־אידיש" גיט בראָדערזאָן אַרויס אַ ריי עקספּרעסיאָניסטישע דראַמאָלעטן: „אַ חתונקע", „שניי־טאַנץ", „צונגענלונגען", „מלכת שבא", „תחית המתים". גלייכצייטיק דערשיינען: „בעגייסטערונג" (1920), „שוואַרץ שבת" (1929), „פּערל אויפן ברוק" (1920), „איבערגאַנג" (1921), אין וועלכע בראָדערזאָן ווייזט זיך אַרויס ווי דער ווירטואָז פונעם מאָדערנעם יידישן ליד.

אין יאָר 1922 שאַפט בראָדערזאָן צוזאַמען מיטן דיכטער י. מ. ניימאַן, דעם קינסטלער יעקב ברוינער און דעם מוזיקער הענעך קאָן אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער „חד גדיא", וואָס גיט פאָרשטעלונגען און סקעטשן אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

אין יאָר 1924 פאַרפאַסט ער אַ ביבלישע אָפּערע „בת שבע", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן מיט דער מוזיק פון הענעך קאָן.

דעם זעלבן יאָר שאַפט ער אין לאָדזש אַ וואַריעטע־טעאַטער „שור הבור", וואָס האַלט נישט לאַנג אָן, און אין יאָר 1927 גרינדעט ער דאָס באַוווסטע קליינ־קונסט־טעאַטער „אַררט", וואָס איז אַן אָנזעעוודיק קאַפּיטל געשיכטע אין יידישן טעאַטער און וואָס גיט אַרויס די שפּעטער באַרימטע דזשיגאַן און שומאַכער.

בראָדערזאָן צייכנט זיך אויס מיט זיין קלינגענדיקן פערז, מיט גרויסער שפּראַך־עשירות, מיט קלאַנגען און וואָרט־קאָמבינאַציעס און מיט עכטער פאָלקס־טימלעכקייט. ער איז ליריש און מוזיקאַליש, פאַרטראַכט און שפּילעוודיק.

אין יאָר 1939 פֿאַרעפֿנטלעכט משה בראָדערזאָן זיין פּאָעמע ל. (50 לידער מיט פּאַטאָמאָנטאַזשן פֿון יהודה לעווין און פּנחס שוואַרץ, לאָדזש — די פֿאָטאָמאָנ־טאַזשן זענען פֿון יידישע טיפּן און פֿון נאַצישע פּלאַקאַטן). די דאָזיקע פּופּציק געזאַנגען קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ נביאישע אָנקינדיקונג פֿון דעם גרויסן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט און אויף אונדזער פֿאָלק. בראָדערזאָן פּראָקלאַמירט דעם יידישן שטאָלץ אַנטקעגן אונדזערע מאָדערנע שונאים די נאַציס:

„דאָס זיין אַ ייד הייסט — אייביקייטן מאָנען און דערמאָנען
דאָס זיין אַ ייד הייסט — פֿייער פּראָמעטעאוסעס געהיט"

און באַלד קומט דער אָנזאָג פֿון דעם פֿינצטערן חורבן, וואָס דערנענטערט זיך:

„די תקופֿה אונדזערע — אין קלעם פֿון ווערג־שלאַנג אומגענומען
זי האָט דעם היינט דעם אונדזעריקן באַלד דערוואָרגן
דאָס גסיסה־כאָרכלען קוילערט זיך אַרויס פֿון גומען
און באַלד פֿאַרנעמט זיך שוין די ווערג־שלאַנג אויפֿן מאָרגן".

צי האָט בראָדערזאָן, שרייבנדיק זיין פּאָעמע ל. געאָנט ווי שנעל זיין פֿינ־צטערע נבואה וועט מקוים ווערן?

פֿון ווין איז אין יאָר 1921 קיין וואַרשע אַראָפּגעקומען דער אין גאַליציע געבוירענער מלך ראַוויטש, וועלכער האָט עטלעכע יאָר פֿאַרבראַכט אין דער הויפּט־שטאָט פֿון עסטרייך, ווו ער האָט געדרוקט זיינע שאַפֿונגען אין דעם חודש־זשורנאַל „קריטיק" אונטער דער רעדאַקציע פֿון משה זילבורג. שוין אין 1912 האָט ער אַרויסגעגעבן אין לעמבערג זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „אויפֿן שוועל" און אין 1918: „שפּינאָזאַ" — אַ פּאָעטישן פּרווו אין 4 ציקלען. דריי יאָר שפּעטער גייט אַרויס זיין לידער־זאַמלונג „נאַקעטע לידער".

אין וואַרשע ברייטערט ראַוויטש אויס זיין דיכטערישע און אידעען־וועלט, וואָס זענען ביי אים אויסגעוואַקסן צו אַ האַרמאָנישער איינהייט. ער זוכט כסדר, טראַכט נאָך און ליפֿערט זיינע באַטראַכטענישן אין דער פֿאָרם פֿון לידער, אין וועלכע דער פֿילאָזאָפֿישער געדאַנק דריקט זיך אויס צוזאַמען מיטן טיפֿן געפֿיל. די ערד, דער קאָסמאָס, מענטש און חיה, דאָס פֿאָלק און די מענטשהייט און זייער אַלעמענס גורל — אַלץ, אַלץ דינט דעם דיכטער־פֿילאָזאָף פֿאַר אַ טעמע צו זיינע באַטראַכטונגען און פֿאַר אַ מאָטיוו צו זיינע פּאָעטישע השתּפּכותן.

אין יאָר 1922 גיט ער אַרויס אין וואַרשע 4 העפֿטן פֿון אַ חודש־זשורנאַל:

„די וואָג". ער איז אויך — אין יאָר 1924 — צווישן די גרינדער פון „די ליטע־ראַרישע בלעטער" (צוזאַמען מיט נחמן מייזיל און פרץ מאַרקיש).

אין וואַרשע פאַרעפנטלעכט ער אויך: „דער קערן פון אַלע מיינע לידער" (פאַרלאַג „די נייע צייט" 1922) און „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן" (קולטור־ליגע 1924) אין יאָר 1928 גייט אַרויס אין ווילנע (פאַרלאַג ב. קלעצקין): „די פיר זייטן פון מיין וועלט". אין 1937 — „קאָנטינענטן און אָקעאַנען".

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט אין דער יידישער דיכטונג אַריינ־געבראַכט טענער פון סאָציאַלן פּראָטעסט און פון קאַמף. אירע לידער („חשוונדיקע נעכט", פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1927, „דזשיקע גאַס" — וואַרשעווער ליטע־ראַטן־פאַריין, 1933, „פריידקע", פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 1935), זענען דורכאויס ליריש און אין דער זעלבער צייט דורכגעדרונגען מיט בולטע סאָציאַלע מאָטיוון. זיי דריקן אויס די געפילן און שטרעבונגען פון דער יידישער אַרבעטער־פרוי, וואָס דערוואַכט צו אַ גרעזעלשאַפטלעך באַוווסטזיניק לעבן, דעם בונט פון מענטשן קעגן זיין געזעלשאַפטלעכן אָרום און אָפטמאָל אויך קעגן זיך גופא. נישטאָ אָבער אין זיי קיין רעוואָלוציאָנערער שאַבלאָן.

זיי פאַרמאָגן אַ סך בילדערישקייט, ראַפינירטקייט און פאָלקסטימלעכקייט.

אַליין אַ לערערין אין די וואַרשעווער יידישע פאָלקס־שולן, האָט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אויך פאַרפאַסט לידער צוגעפּאַסטע צום יונגיטשקן געמיט פון יידישע קינדער, לייכטע און שפּילעוודיקע. די דאָזיקע לידער זענען שנעל אַריין אין די כרעסטאָמאַטיעס פון די יידישע שולן, וווּ זיי זענען אָפט מיט פרייד געלייענט און דעקלאַמירט געוואָרן.

ביי אַ זייט פון דעם שטורמישן וועג פון דער נייער יידישער דיכטונג אין פוילן זענען שוין באַלד אין אָנהויב געגאַנגען עטלעכע יחידישע דיכטער, יעדער פון זיי אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער.

אַברהם זאַק האָט געשריבן לידער דאָס רובֿ לירישע, סענטימענטאַלע, אפילו עלעגישע, אין אַ טייל פון זיי זענען פאַראַן שילדערונגען פון דעם דיכטערס איבערלעבונגען אויפן שלאַכט־פעלד. („אַקאָרדן" — גראָדנע 1918, „רגעס פון טרוים" — וואַרשע 1919, „צווישן פיר ווענט" „שטאָט־קאַשמאַרן" 1926).

אויף וועגן פון קבלה און מיסטיק האָט זיך פאַרנומען אהרן צייטלין, זוכנדיק דורך זיי צו דערגיין צום באַשייד פון דעם גאַנג פון דער געשיכטע. אין זיין פּאָעמע „מטטרון" (וואַרשע 1922) פּרוּווט ער אין אַ מאָדערנער דיכטערישער פאָרם, באַנוצנדיק זיך מיט די באַגריפן און אויפפאַסונגען פון זוהר, צו דערגרונ־טעווען זיך ביז צום טיפן זין פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער קעגנוואַרט,

אין וועלכע ער פילט די אויסווירקונג פון דעם געטלעך־אַקטיוון. די אַלט־יידישע מיסטישע קבלה־וועלט באַקומט דאָ אַ ראַפינירטע דיכטערישע מאָדערנע אויס־דרוק־פאָרם.

אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה האָט דער דיכטער אויך אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „ברענענדיקע ערד", אין וועלכן ער האָט געפרוווט די זעלבע עלעמענטן פון זיין וועלט־באַנעם, וואָס ער האָט קולטיווירט אין זיין דיכטונג, אַרויסצוברענגען אויף די ברייטע לייוונטן פון דער עפּישער פּראָזע.

צו גאָר הויכע דיכטערישע דערגרייכונגען איז דערגאַנגען דער איינזאַמער, צוריקגעהאַלטענער, כמעט התבודדות פּראַווענדיקער ישראל שטערן. אַן אָפּשטאַמיקער פון אָסטראָלענקע, ווו ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך תורה און מוסר־ספרים, האָט ער זיך אין וואַרשע אַרומגעוואַלגערט אין גרויס עלנט. געשריבן האָט ער נישט קיין סך, אָבער זיינס אַ ליד איז געווען אַ געשעעניש אין יידישן ליטעראַרישן לעבן. זיין געזאַנג, דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט טיף רעליגיעזע שטימונגען, איז געווען אַ תפילה, פון וועלכער ס'האָט געווייעט מיט ליבשאַפט צום מענטשן, ספּעציעל צום שוואַכן, צום געדרודפטן, צום אומגליקלעכן. ווען ס'איז אין יאָר 1924 אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך" דערשינען זיין „פרילינג אין שפּיטאָל", איז די פּאָעמע אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אומבאַשרייבלעכער באַגייסטערונג. די פּאָעמע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער פרישקייט פון איר עמאָטיוון און מיט דער בייקייט און אייגנאַרטיקייט פון איר שפּראַך און פאָרם. ישראל שטערן האָט אין דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אַריינגעבראַכט דעם אַלטן יידישן ניגון, ער האָט באַנייט אין איר דעם אַלטן נוסח פון תפילה און פון פּיוט. זיין דיכטונג איז שטילער, הייליקער געזאַנג, פילאָזאָפישע השתפכות הנפש, אמתע, לויטערע שירה, וואָס פאַרכאַפּט, פאַרוויגט, באַגייסטערט מיט איר ליכט, מיט איר שיינקייט און מיט איר האַרציקייט.

פון דער פאַרגאַנגענער אַלטער היימישקייט האָט מיט פולע הענט געשעפּט די לאָדזשער דיכטערין מרים אוליאַנאָווער. אירע לידער, דערשינען אין יאָר 1922 (מיט אַ פאָרוואָרט פון דוד פרישמאַן) אונטערן טיטל: „פון באָבעס אוצר", זענען אַ האַרציקע פאָלקסטימלעכע שילדערונג פון דער אַלט־פּאַטריאַרכאַלישער יידישער וועלט מיט אירע מנהגים, טראַדיציעס און געוווינהייטן אַזוי ווי זיי זענען דער דיכטערין איבערגעגעבן געוואָרן דורך איר געטרייער, קלוגער און מיט גרויס לעבנס־דערפאַרונג דורכגעזאַפּטער באָבעשי.

אין אַ סביבה פון אומעט, אין אַ וועלט פון נאַכט, זינגט אויס זיינע לידער („איבער שטאָק און שטיין" — פאַרל. ב. קלעצקין ווילנע 1930) דער כמעט איינ־

זאַמער און פאַרבאַרגענער יוסף קירמאַן. זיין דיכטונג שפּיגלט אָפּ די נויט פון יידישן אַרבעטער, זיין האָפענונג און דעם באַוווסטזיין פון דעם כּח, וואָס ליגט אין אים באַהאַלטן. מיט פּראָסטע, ערלעכע ווערטער ברענגט דער דיכטער אַרויס זיינע האַרטע איבערלעבענישן, אַדורכגעדרונגענע מיט ווי און פּיין.

די דיכטערין רחל קאָרן ברענגט אַרויס אין אירע לידער, („דאָרף" — ווילנע 1928, „רויטער מאָן" — ביבל. פון ייד. פּען־קלוב וואַרשע 1937), פּונקט ווי אין איר פּראָזע, איר טיפע צוגעבונדנקייט צו דער ערד, צום דאָרף, צו דער דאָר־פישער לאַנדשאַפט, צום דאָרפישן לעבן, צום פּויער, צום דאָרפס־יידן, צו זייער פּראַצע און צו זייער נויט.

זי פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג אויפצוכאַפּן די דאָרפישע לאַנדשאַפטן און אַ ביל־דערישע שפּראַך אויפצומאָלן זיי. אירע דאָרף־געשטאַלטן שטראַלן ממש אַרויס פון דער גרויער פּויערישער אָרימקייט, אין וועלכער זיי זענען אַריינגעוואַקסן. אַ באַ־זונדערן חן פאַרמאָגן אירע פרויען און מאַמע־געשטאַלטן, יידישע און נישט יידי־שע, וואָס פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין אירע לידער. די דיכטערין האָט אויך אַ פיינעם חוש פאַר ריטם.

מיט דאָרף־מאָטיוון זענען אויך דורכגעדרונגען די לידער פון רחל קאָרנס גאַליצישן לאַנדסמאַן בער האָראָוויץ. שוין אין יאָר 1918 האָט בער האָראָוויץ פאַרעפנטלעכט זיינע ערשטע לידער אין ווין (אין ש. י. אימבערס „ניי־לאַנד"). אין ווין איז אויך אַרויס אַ יאָר שפּעטער זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „פון מיין היים אין די בערג" (אין פאַרלאַג „דער קוואַל").

בער האָראָוויצעס באַרג־מאָטיוון זענען געוועזן אַ נייס אין דער יידישער פּאָעזיע. פון זיינע לידער, וואָס באַזינגען די פּשוטע נאַטור־יידן פון פעלד און וואַלד און זייער שטיל, אידיליש לעבן, טראָגט זיך אַ פרישער אָטעם פון די קאַרפּאַטן־בערג. דער דיכטער פאַרמאָגט אַ זאַפטיקן גאַליצישן יידיש, וואָס פּאַסט זיך אויס־געצייכנט אַריין אין דעם דורך אים קינסטלעריש געמאָלטן היימיש־גאַליצישן פּייזאַזש.

אויך משה קולבאַק געהערט צו די דיכטער, ביי וועמען די נאַטור, די ערדישקייט זענען צווישן די באַליבטסטע מאָטיוון.

זיין ערשט ליד „דאָס שטערנדל" האָט משה קולבאַק פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1916 אין די „ווילנער ליטעראַרישע זאַמלהעפטן". דאָס ליד איז גלייך געוואָרן אַ באַליבט פאָלקסליד. שוין די לידער פון זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „שירים" (ווילנע 1920) צייכענען זיך אויס מיט זייער פּשטות און ערדישקייט. דער ערד־מאָטיוו קומט אַרויס נאָך בולטער און שטאַרקער אין זיין גרויסער פּאָעמע „רייסן",

וואָס איז אַ מין הימן פאַר דער יידישקייט אויף דער גרויער ליטוויש־רייסישער ערד, פאַר דעם שטילן דומם, פאַר פעלד, וואַלד און טייך, פאַר די פּראָסטע דאָרפישע יידן, וועלכע זענען אַ טייל פון דער נאַטור. אין יאָר 1922 דערשיינט זיין בוך „לידער" אין כלל־פאַרלאַג אין בערלין.

קרעפּטיק איז זיין פּאָעמע „יאַסטע דער שמיד" — אַ געזאַנג פאַרן פּראָסטן, ברויגעם שמיד, אין וועמעס ברוסט עס שלאָגן „טויזנט הערצער".

פּרעכטיק איז זיין מזמור, וואָס ער זינגט פאַר „ווילנע", וואָס איז „אַ טונקעלע קמע איינגעפאַסט אין ליטע", „אַ תהילים אויסגעלייגט פון ליים און אייזן" און ווו „דאָס גרויע יידיש איז דאָס ליכט, וואָס פינקלט אין די פענצטער".

אין די אַנדערע פּאָעמעס „למד־וו" און „בוניע און בערע" ווייזט קולבאַק זיך אַרויס ווי אַ צויבערמייסטער, וואָס פאַרבינדט די ערדישעווירקלעכקייט מיט מיסטישער פאַנטאַזיע.

משה קולבאַק האָט אויך אַ חוש פאַר די ברויזנדיקע שטימונגען פון דער צייט, וואָס קומען ביי אים צום אויסדרוק אין זיין פּאָעמע „די שטאָט".

קולבאַק איז אַן אמתער שפּראַך־מייסטער. ער איז פאָלקסטימלעך און דאָך אָריגינעל, פּשוט און דאָך ראַפינירט. זיינע שאַפונגען געהערן צו די שענסטע מוסטערן פון דער נייער יידישער פּאָעזיע.

אַן אָריגינעלער, אינטים־אינדיווידואַליסטישער און שטילער דיכטער איז י ח י א ל  ל ע ר ע ר. אין די לידער פון זיין ערשטן דיכטערישן פּעריאָד (די פּאָעמע „שאול און דוד" — 1931, „שטילקייט אין שטורעם" — 1932, „ברונעם און פעלד" — 1933) שפּיגלט זיך אָפּ דער געמיט־צושטאַנד פון פּאָעט, וואָס זוכט צו באַרויקן זיינע ספקות דורך אַ שטילן אויסטענה'ן זיך מיט גאָט. וואָס ווייטער דערבליקט לערער אַלץ מער די רויע יידישע ווירקלעכקייט און זיין קינסטלערישער וועג דערפירט אים צו זיין ליריש־עפּישער פּאָעמע „מיין היים", (1957).

אין דער דאָזיקער פּאָעמע פאַרייביקט דער דיכטער דאָס יידיש־באַלעבאַטישע חסידישע שטעטל, וואָס האַלט זיך אין פאַנאַנדערפאַלן. ס'איז דאָס שטעטל פון די טאַטעס, וואָס קלאַמערן זיך אינעם שטייגער, פון די צניעותדיקע און האַרציקע מאַמעס, פון די קינדער, וואָס צעלויפן זיך, וואָס גייען אַוועק אין זייערע פאַריינען, ווערן מאַרקסיסטן און צעשפּרייטן זיך צום סוף אין אַלע עקן וועלט.

ק ל מ ן  ל י ס, אַ געקומענער פון וואָלין, האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג וואָלינער מאָטיוון („וואָלינער שליאַכטן" — וואַרשע 1930 „וויב־טער אין דאָרף" — פּיעטריקאָוו 1933, „פרילינג־ווינטן" — פּיעטריקאָוו 1934, „דאָס ליד פון באַטראַק" 1935 „קינד און ריגד" — 1936, „ערד און וויב" — 1937).

אין זיינע מערסטע לידער זינגט ליס אויס די אידיליע פון אַ שטיק יידיש קליינשטעטלדיק לעבן — פון די יידישע האַרעפּאַשניקעס, די באַלמעלאָכעס, די סטאַליאַרעס, די טשעשלעס, די יידן אויף די יאַרידן און אין די שענקען. אין טייל לידער פילט זיך שוין אפילו דער עלעגישער טאָן פון דער אויסזיכטלאָזיקייט פונעם שטעטל, וואָס האָט נישט קיין היינט און קיין מאָרגן.

די וויסרוסישע לאַנדשאַפט באַזינגט ליב מאָרגענטוי („אויף פאַלעסיער ערד").

אַלטער קאַציזנע האָט אין יאָר 1936 אַרויסגעגעבן זיין בוך „באַלאַדן און גראָטעסקן", וואָס באַשטייט פון 15 פּאָעמעס. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פיר טיילן: מידות, תנועות, נוסח, דמיון. אין דער הקדמה צום בוך באַקענט זיך דער דיכטער ווי פּרצ׳עס אַ תלמיד. אין די באַלאַדן און גראָטעסקן פילט זיך אַרויס פּרצ׳עס השפעה, די השפעה פון דער פאָלקס־מעשהלע, פונעם פאָלקס־חלום, וואָס איז, ווי דער דיכטער זאָגט אין זיין פאָרוואָרט צום בוך, „די שפּראַך פון טיפערן אויסדרוק און העכערן שווונג".

רייזל זשיכלינסקי האָט אין יאָר 1936 פאַרעפנטלעכט איר ערשט ביכל אונטערן נאָמען „לידער", (יידישער פען־קלוב וואַרשע מיט אַ פאָררעדע פון איציק מאַנגער). אין יאָר 1939 — איר בוך לידער: „דער רעגן זינגט".

אירע לידער זענען שטילע אָבער זאַפטיקע מיניאַטורן, וואָס באַזינגען די היימישע איינגעוואָרצלטע שטייגערישקייט, די פאַרחלומטקייט פונעם אַמאָל. די דיכטערין איז פאַרליבט אין איר היים און שילדערט זי מיט די צאַרטסטע פאַרבן. זי איז איינגעלעבט און געבונדן מיטן יידישן פאָלקלאָר. זי איז נישט געפּענטעט מיט די כללים פון גראַם און ריטם. זי באַנוצט זיך אָפט מיטן פרייען מאָדערנעם פערז און האָלט דערביי אין די מוזיקאַלישקייט, וואָס איז איינע פון די הויפּט־חנען פון איר דיכטונג.

יוסף רובינשטיין האָט אין יאָר 1939 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „מאָדעלן".

זיינע לידער זענען דיכטערישע, מיט ראָמאַנטישקייט באַהויכטע, פּאָרטרעטן פון די וואַרשעווער גאַסן, פון די וואַרשעווער שטיבער, פענצטערס, קוימענס, דאַכן, שילדן, שויפענצטערס. זיי זענען אפילו מער ווי בלויז מאָלערישע פּאָרטרעטן. דער דיכטער אַנימיזירט די טויטע קעגנשטאַנדן, טוט אין זיי אַריין אַ רוח־חיים און די שטומע זאַכן, די שויפענצטערס, די שטיבער, די מעבל, הויבן כמעט ווי אָן צו לעבן.

די וואַרשעווער גאַסן, די לעשנע, קאַרמעליצקע, סמאָטשע, מיניען זיך אינעם דיכטערס פאַרבן. זיי ווערן מאָלעריש פּאַראייביקט אין רובינשטיינס געזאַנגען, וואָס

וועלן פאַרבלייבן ווי אַ לעצטע דיכטערישע פאַרפיקסירונג פון דעם וואַרשעווער פאַרשניטענעם אַמאָל.

אויף וואַרשעווער מאָטיוון האָט אויך געדיכטעט דער יונגער משה קנאַפּ־הייס. אין יאָר 1931, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ באַנד לידער „ווייסע פּריי־מאָרגנס" און פינף יאָר שפּעטער זיין פּאָעמע אין צוויי טיילן: „מקום". דאָס איז אַ געזאַנג וועגן דער וואַרשעווער אַלט־שטאָט, וואָס האָט ביי יידן געטראָגן דעם נאָמען „מאָקעם" און וואָס איז פול געווען מיט מיטלעלטער, אונטערוועלט און פרומקייט.

אויפן פאָן פון דעם אַלטמאַרק, פון די אַלטמאָדישע צעבויגענע גאַזלאַמ־טערנס, פון די קלויסטערס, די קנייפּעס, גייען פאַרביי פאַרשידענע טיפּן פון מקום, פּוילישע און יידישע, מייסטנס טיפּן פון אַן „אויסגעשפּילטער וועלט", וואָס די וואַרשעווער יידן האָבן גוט געקענט.

וואַרשע האָט פאַרמאָגט נאָך אַ ריי דיכטער, וואָס איטלעכער פון זיי האָט זיך געהאַט זיין אייגענעם נוסח.

אַ פּאָפּולערער דיכטער איז געווען הערשעלע (דאַנילעוויטש), וועל־כער האָט נאָך געשריבן לידער ביי פּרצ'עס לעבן. זיינע לידער זענען געווען פּשוטע און האַרציקע. זיי האָבן באַזונגען דאָס פּראָסטע פאָלק: די באַלעגאָלעס, די משרתים, די דינסטמיידלעך מיט זייערע טרוימען און פאַרליבטקייטן.

דער שוין אויבן דערמאָנטער ראָמאַנען־שרייבער לייב אָליצקי האָט אויך געשריבן משלים, וואָס האָבן געהאַט אַ בולט סאָציאַלע טענדענץ: „משלים פאַר קינדער און גרויסע" (וואַרשע 1929) און „ווענט האָבן אויערן" (וואַרשע 1938).

זיין ברודער ברוך אָליצקי האָט, אָנהויבנדיק פון 1925 פאַרעפנטלעכט לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער", אין די „וואַרשעווער שריפטן" און אַנדערע אויסגאַבעס. זיינע לידער זענען געווען פּראָלעטאַריש באַאַרבעט.

מרדכי אָלעי'ס לידער („אָרעמע שווערלן", וואַרשע 1934, „אָפּגייענ־דיקע טריט", וואַרשע 1935) לייענען זיך ווי איינזאַמע תפילות פון אַ מתבודד וואָס ווייטיקט יחידיש איבער די סאָציאַלע עוולות, איבער די פּיינען פון נויטליידנדיקע קליינע קינדער און איבערן צער פון אַלטע לייט.

אַ בולט רעוואָלוציאָנערן, קעמפערישן כאַראַקטער טראָגן די שאַפונגען פון די דיכטער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער מאַרקסיסטישער „ליטעראַרישער טריבונע". צו די באַדייטנדיקסטע פון זיי געהערן משה שולשטיין און בינעם העלער.

אַ געקומענער קיין וואַרשע פונעם שטעטעלע קורעוו, איז משה שול־שטיין באַלד געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט אַן אָנגעזעענער אַוואַנגאַרד־פּאָעט. אין יאָר 1934 האָט ער אין לובלין אַרויסגעגעבן זיין ערשטע זאַמלונג לידער „ברויט און בליי״ און צוויי יאָר שפּעטער, אין וואַרשע, זיין צווייטע זאַמלונג „דאָס פּייפל אין די בערג״.

אין אַ שלאָגיקער און בילדערישער שפּראַך זינגט שולשטיין אַרויס די געפילן פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע. זיינע לידער זענען נישט קיין יחידישע, שטילע בענקענישן נאָך געראַכטיקייט, נייערט מוטיקע אויסגעשרייען קעגן סאָציאַלן אומרעכט, אַן אויפפאָדערונג צום קאַמף און אַ זיכערקייט אינעם זיג פון סאָציאַליזם. שולשטיינס לידער האָט מען אַ סך רעציטירט ביי אַרבעטער־צונויפטרעפן אין קלובן און אויף אָוונטן, ספּעציעל אין די קאָמוניסטישע קרייזן.

בינעם העלער, אַ קינד פון וואַרשע, זינגט אויך אויף סאָציאַלע מאָטיוון, („דורך קראַטעס״ — 1930 — קאָנפיסקירט; „אין אומרו פון טעג״ — 1932, אויפן ווינט״ — 1936) זיין נוסח איז אָבער לגמרי אַן אַנדערער. ער איז אַ ליריקער און פאַרבינדט זיינע אייגענע אינטימע איבערלעבונגען, וואָס זענען אויך מייסטנס אַ רעזולטאַט פון די סאָציאַלע באַדינגונגען, מיט די סאָציאַלע נויטן פון פּראָלעטאַריאַט. העלער איז טיף איינגעוואָרצלט אין דער יידישער אַרבעטער־מאַסע אין פּוילן. ער לעבט מיט איר לעבן און פילט אירע ווייען. ער ברענגט אַרויס דעם געמיט־צושטאַנד פון זיין דור, זיינעליידן און שטרעבונגען, זיין קאַמפלוסט און זיין רעוואָלוציאָנערע אַנטשלאָסנקייט.

מיט דער גרופּע אַרום דער „ליטעראַרישער טריבונע״ איז אויך געווען פאַרבונדן די דיכטערין הדסה רובין, וועלכע האָט, זיצנדיק אין דער תפיסה אין וואָלין, אָנגעשריבן אַ סעריע תפיסה־לידער.

צו דער דאָזיקער גרופּע איז אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן צוגע־שטאַנען דער שוין דאַן באַקאַנטער אגודהשער דיכטער מוניע נאַדלער (גאַליצין). אין יאָר 1933 איז אין וואַרשע (פאַרלאַג גאָלדער) דערשינען זיין „בעש״ט סימפאָניע״, וואָס אַנטפּלעקט שוין דעם אָנהויב פון דעם ריס אינעם געמיט פון דעם יונגן רעליגיעזן פּאָעט, פון זיין „איבערגאַנג פון גאָט צו מענטש״ (ווי מ׳האָט עס דאַן אָנגערופן).

פון די רעליגיעזע דיכטער לאָמיר דערמאָנען חיים סעמיאַטיצקי, וואָס האָט מיט זיינע קורצע ליריש־רעליגיעזע געזאַנגען באַרייכערט די נייע יידישע פּאָעזיע מיט געבעט־מאָטיוון פון אַלט־יידישקייט.

ישראל עמיאָט, וועלכער האָט געדיכטעט וועגן מענטשנס איינזאַמ־

קייט און האָט אויך פאַרפאַסט עלעגישע פּאָעמעס וועגן אַלט־לובלין און דאָס געדיכט „מיין רבי ר׳ שמעון״ — ליריש רעליגיעזע לידער באַהויכטע מיט געשיכטלעכער ראָמאַנטישקייט.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען דריי דיכטער, וואָס כאָטש זיי זענען דער עיקר שפּעטער באַקאַנט געוואָרן מיט זייערע שאַפונגען אויסער די גרענעצן פון פוילן, האָבן זיי אָבער זייערע ערשטע ליטעראַרישע שריט געשטעלט אין וואַרשע אין די ערשטע יאָרן פונעם צווישנמלחמהדיקן פוילן. דאָס זענען יוסף פּאַפּיערניקאָוו, לייב מלאך און משה דוד גיסער.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט זיין ערשטע פּאָעמע „דאָס פעלד״ פאַרעפנטלעכט אין „י. מ. וויסענבערגס יודישע זאַמלביכער״. שפּעטער האָט ער געדרוקט זיינע לידער אין פּועלי־ציון־צייטשריפטן, אין זאַמלהעפט „אויפן וועג״ און אין „אויסגאַנג״ לאָדזש.

אין יאָר 1924 איז פּאַפּיערניקאָוו עולה קיין ארץ־ישראל, וווּ ער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. פּאַפּיערניקאָוו איז דער ערשטער יידיש־זינגער אין דעם זיך בויענדיקן באַנייטן יידישן היימלאַנד.

אין יאָר 1927 דערשיינט אין פאַרלאַג „נייע קולטור״ אין וואַרשע זיין ערשטע זאַמלונג פּאַלעסטינע־לידער „אין זוניקן לאַנד״. אין יאָר 1929 דערשיינט אין זעלבן פאַרלאַג אַ זאַמלונג סאָציאַלע לידער: „רויט אויף שוואַרץ״ (מיט אַ פאָרוואָרט פון דניאל לייבל). אין יאָר 1932 פאַרעפנטלעכט פּאַפּיערניקאָוו זיין צווייטע זאַמלונג פּאַלעסטינע־לידער: „גאָלדענע זאַמדן״ אין פאַרלאַג „אייגנס״ אין וואַרשע.

לייב מלאך האָט געדרוקט זיינע ערשטע לידער און פּאָעמעס אין וואַרשעווער און לאָדזשער צייטונגען. ער איז דער מחבר פון דער באַקאַנטער „יוגנט־שבועה״.

אין יאָר 1919 דערשיינט אין גיטלין־פאַרלאַג אין וואַרשע זיין פּאָעמע „אין פוילן״, אין יאָר 1922 — צוויי זאַמלונגען: „אַמאָל, אַמאָל — באַלאַדן און לעגענדעס״ און „די טויטע חופּה״.

אין יאָר 1922 וואַנדערט מלאך אויס קיין אַרגענטינע.

דאָרט ברייטערט ער אויס און פאַרטיפט זיין ליטעראַריש שאַפן. ער נעמט אויך שרייבן פּראָזע. אין יאָר 1930 דערשיינט אין פאַרלאַג ב. קלעצקין — ווילנע זיין גרויסער ראָמאַן „דן דאָמינגאָס קרייצוועג״. אין יאָר 1934 — אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער״ — דער ראָמאַן „אַלטערס יונגע יאָרן״.

מלאך רייזט אַ סך אַרום איבער דער וועלט און אויף איינער פון זיינע נסיעות שטאַרבט ער אין פּאַריז (אין יאָר 1936).

אין יאָר 1935 איז אין פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע דערשינען זיין באַנד: „פּאַלעסטינער רעפּאָרטאַזשן" אין 2 יאָר שפּעטער, אין זעלבן פאַרלאַג אַ צווייטער באַנד רעפּאָרטאַזשן: „פון שפּאַניען ביז האָלאַנד".

משה דוד גיסער האָט זיין ערשט ליד „מעפּיסטאָפּעלעס־רוף" אָפּגעדרוקט אין דער „אַרבייטער־צייטונג" אין ווין. אין דער וואַרשעווער צייט־שריפט „רינגען" האָט ער פאַרעפנטלעכט די פּאָעמע „דער יאַריד", וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ גרויסן רושם. שפּעטער איז ער אַוועק קיין דרום־אַמעריקע, ווו ער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע דיכטערישע שאַפונגען.

לאָדזש, די צווייט־גרעסטע יידישע שטאָט אין פּוילן, האָט פאַרמאָגט אַ זייער אַנגעזעענע יידישע ליטעראַרישע גרופּע, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער שוין דערמאָנטער משה בראָדערזאָן.

צווישן די וויכטיקסטע דיכטער פון דער גרופּע זענען געווען:

חיים לייב פוקס (צוויי לידער־זאַמלונגען: „דורשטיקע לעמער" — 1926 און „זינגט די וועלט" — 1936).

ישראל ראַבאָן, וואָס איז באַקאַנט מיט זיינע ראָמאַנען, האָט אויך געשריבן לידער: „הינטערן פּלויט פון דער וועלט" — 1928, „גראָער פרילינג" — 1934, „לידער" — 1937.

מישאַ טראַיאַנאָוו, (צוויי לידער־זאַמלונגען: „אומעטיקע האַרי־זאָנטן" — 1936 און „דער נאַכט אַנטקעגן" — 1938).

משה וואַלדמאַן, (אַ לידער־זאַמלונג „פאַרטונקלטע פרימאָרגנס" — 1938).

ישעיהו שפּיגל, וואָס האָט זיך נאָך דער מלחמה באַרימט געמאַכט מיט זיינע שטאַרקע דערציילונגען וועגן „מלכות־געטאָ", האָט פאַרעפנטלעכט אַ באַנד לידער: „מיטן פּנים צו דער זון".

דער דיכטער י. שאַיעוויטש, פון וועלכן ס'זענען פון די פינצטערע געטאָ־טעג אין לאָדזש פאַרבליבן די צוויי רירנדיקע פּאָעמעס: „לך לך" און „פרילינג תש"ב", האָט אין דער ערב־חורבן תקופה זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע אויף רעליגיעזע מאָטיוון געשריבענע לידער.

אַ באַזונדער בכבודיק אָרט האָט אין דער לאָדזשער גרופּע פאַרנומען דער יידיש־העברעישער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן. ער האָט זיך נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה באַקאַנט געמאַכט מיט זיין בוך לידער „די זון פאַרגייט אין פלאַמען" (1909). ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע שאַפונגען שפּעטער

אין דער צײַטשריפט „יונג־אידיש", זיך אַרויסגעהויבן מיט זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „פּאַטימאַ" (1920). זיין הויז האָט געדינט ווי די ליטעראַרישע היים פאַר די יידישע שרייבער אין לאָדזש.

אין וואַרשעווער געטאָ, ווו דער דיכטער איז פאַרוואָגלט געוואָרן, איז ער געווען זייער שאַפעריש. פון זיינע צענדליקער שאַפונגען פון יענער עפּאָכע הויבט זיך ספּעציעל אַרויס זיין באַרימט „ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

אויך ביאַליסטאָק האָט געהאַט איר ליטעראַרישע גרופּע, וואָס אין איר צענטער האָט זיך געפונען פסח קאַפּלאַן, דער איבערזעצער פון קרילאָווס משלים. עס זענען דאָרט אויפגעשטאַנען עטלעכע טאַלאַנטירטע יונגע פּראָזאַיקער און דיכטער, פון וועלכע מיר וועלן דערמאַנען אהרן ברעזינסקי, נחמן ראַפּ, יעקב גאָרדאָן, חיים וויסאָצקי און פסח בינעצקי.

אַ באַזונדערן, אייגנאַרטיקן כאַראַקטער האָט געטראָגן די יידישע דיכטונג אין גאַליציע. דערביי איז צו באַמערקן, אַז צוליב היסטאָרישע סיבות איז די יידישע ליטעראַרישע שאַפונג אין מזרח־גאַליציע געווען אַ פיל מער אַנטוויקלטע און איינגעוואָרצלטע ווי אין מערב־גאַליציע. מזרח־גאַליציע האָט ראשית כל פאַרמאָגט אַ גרעסערע און קאָמפּאַקטערע יידישע באַפעלקערונג ווי מערב־גאַליציע. זי האָט אויך געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע טראַדיציע פון געזעלשאַפט־לעך־אידעאָלאָגישע קאַמפן צווישן דער השכלה און חסידות. דערביי איז אויך וויכטיק דער פאַקט, וואָס די יידן אין מזרח־גאַליציע האָבן זיך געפונען ווי אַ דריטער צד אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף צווישן די פּאָליאַקן און די אוקראַינער און האָבן געמוזט אָנהאַלטן אַ נייטראַלע שטעלונג, אַרויסהויבנדיק זייער אייגענע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אידענטיטעט.

שמואל יעקב אימבער ווערט באַטראַכט ווי דער ראשון פון דער נייער גאַליציש־יידישער דיכטונג, צו וועלכער ס'געהערן די שוין אויבן דערמאַנטע רחל קאָרן און בער האָראָוויץ.

ש. י. אימבערס ערשטע לידער־זאַמלונג „וואָס איך זינג און זאָג", איז דערשינען אין לעמבערג אין יאָר 1909, (פאַרלאַג ח. איצקאָוויטש). אין יאָר 1911 דערשיינט זיין פּאָעמע „אסתרקע" — וועגן דעם לעגענדאַרישן יידישן פאָלקס־מיידל פון גאַליציע, אין וועלכער ס'האָט זיך פאַרליבט דער פּוילישער קיניג קאַזשימיעזש — און אימבער ווייזט זיך דאָ אַרויס ווי דער פּיאָנער פון דער יונגער יידישער דיכטונג אין גאַליציע. די פּאָעמע האָט בשעתו אַרויסגערופן אַן אמתע

סענסאַציע. זי איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און באַליבט ביים ברייטן יידישן לייענער־עולם אין גאַליציע גופא ווי אויך ווייט איבער אירע גרענעצן.

אין יאָר 1912, נאָכדעם ווי אימבער האָט געמאַכט אַ נסיעה אין ארץ־ישראל, פאַרעפנטלעכט ער אַ באַנד לידער איבער דער דאָזיקער נסיעה א. ט. „אין יודישען לאַנד" (קראָקע פאַרלאַג „קדימה"). די דאָזיקע לידער דערשיינען אין יאָר 1918 אין אַ פאַרגרעסערטער אויסגאַבע אין ווין א. ט. „היים־לידער".

אין יאָר 1914 דערשיינט אימבערס לידער־זאַמלונג „רויזנבלעטער", אין יאָר 1920 זיין לידער־זאַמלונג „וואַלד אין וואַלד אויס" ווי אויך „געקליבענע דיכטונגען" און „וויקטאָריאַ"־אַקאָרדן צו קנוט האַמסונס דערציילונג. אַ יאָר שפּעטער — אין ווין — אַ ביכל אויסגעוויילטע לידער פון היינריך היינע.

היינעס השפּעה פילט זיך בכלל אין אימבערס דיכטונג. עס פילט זיך אויך אין איר די השפּעה פון אַנדערע דייטשישע דיכטער ווי אויך פון פּוילישע ליריקער.

אין זיינע לעצטע שאַפונגען איז אימבער דערגאַנגען צו פולער רייפקייט, טיפקייט און געלייטערקייט און האָט זיך באַפרייט פון די דייטשמעריזמען, פון וועלכע ס׳האָבן געליטן זיינע ערשטע לידער.

צו דער גרופּע מזרח־גאַליציאַנער דיכטער געהערן נאָך:

מ ל ך  כ מ י ע ל נ י צ ק י. אָנגעהויבן האָט ער צו 17 יאָר שרייבן פּויליש. שפּעטער איז ער אַריבער אויף יידיש און האָט זינט 1904 פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשידענע גאַליצישע אויסגאַבעס. ער איז געווען מיטגרינדער פון דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „קריטיק", וואָס איז דערשינען אין ווין. אין ווין זענען אויך דערשינען: זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „אויף אַ שטילער סטעזשקע" (פאַרלאַג קוואַל 1921) און זיין פּאָעמע „דער קאַרליק" (1936).

אין דער ברויזנדיקער כאַאָסטרע־צייט, ווען די לידער־זאַמלונג איז דערשינען, האָט באמת אויסגעזען ווי דער דיכטער וואָלט זיך געגאַנגען אויף אַ זייטיקער שטילער סטעזשקע. זיינע לידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מילדקייט, שטילקייט, מוזיקאַלישקייט און מיט דער צאַרטקייט פון זייער שפּראַך.

י ע ק ב  מ ע ס ט ע ל. ער האָט שוין אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אין „לעמבערגער טאָגבלאַט" אין יאָר 1906. זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „פער־חלומטע שעהן" דערשיינט אין לעמבערג (פאַרלאַג ה. איצקאָוויטש) אין יאָר 1909 און אין יאָר 1911, אין קראָקע (פאַרלאַג „שולמית") די צווייטע זאַמלונג „אַ ליבעס ליד". מעסטעל געפינט זיך אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון דער דייטשישער און פּוילישער ליריק.

זיין דריט בוך (1913, קראָקע, פאַרלאַג „שולמית") איז די פילאָזאָפישע פּאָעמע „וויטא חייזד". דאָס איז אַ מעשהלע אין פערזן, אַ שטאַרק צעצויגענע און פול מיט דייטשמעריזמען. אין יאָר 1921 פאַרעפנטלעכט מעסטעל זיין טרילאָגיע „דמיונות". אין יאָר 1928 דערשיינען זיינע „סאָלדאַטן און פאַיאַצן־לידער" וואָס זענען אַ סך רייפער און שלימותדיקער ווי זיינע פריערדיקע שאַפונגען.

דוד קעניגסבערג. אויך ער האָט זיינע ערשטע לידער פאַרעפנט־לעכט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה: „לידער" (לעמבערג 1912), „סאָנעטן" (לעמבערג 1913). אין יאָר 1921 דערשיינט זיינע „הונדערט סאָנעטן" (פאַרלאַג „דער קוואַל" ווין).

אין יענע יאָרן איז די סאָנעטן־פאָרם געווען אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור און דעריבער האָבן קעניגסבערגס לידער אויסגענומען, נישט געקוקט דערויף וואָס זייער שפּראַך האָט נאָך שטאַרק אונטערגעהונקען און איז געווען אַ געגנוג פרימיטיווע און געמישט מיט אַ סך דייטשמעריזמען.

דוד קעניגסבערג איז דער באַזינגער פון דער גאַליצישער קליינשטעטל־דיקער אָרימקייט.

באַזונדער צו באַצייכענען זענען זיינע „קינדס טויטנלידער", אין וועלכע דער דיכטער וויינט אויס זיין טיפן צער נאָכן פאַרלוסט פון זיין איינציקן טעכטערל. די דאָזיקע לידער, וואָס דערמאָנען שטאַרק קאָכאַנאָווסקיס ענלעכע קלאָג־לידער („טרעני"), זענען דורכאויס קינסטלערישע און פּאָעטישע און דורכגעדרונגען מיט אַ טיפער רעליגיאָזיטעט.

פון דער וועלט־ליטעראַטור האָט קעניגסבערג צווישן אַנדערן אויך איבער־געזעצט „פּאַן טאַדעאוש" פון מיצקיעוויטשן (דערשינען אין לעמבערג האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה).

אין האַרבסט 1929 האָט אין לעמבערג אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ דריי־חודשדיקע ליטעראַרישע צייטשריפט אונטערן נאָמען „צושטייער". אַרום וועל־כער ס'האָבן זיך גרופּירט די יינגערע מזרח־גאַליציאַנער יידישע דיכטער, די אַזוי גערופענע „מאָדערנע", ווי אויך עטלעכע ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסטן פונעם זעלבן שניט (רחל אויערבאַך, דבורה פאָגעל, נפתלי וויינינק). פיר אין דער צאָל זענען געווען די דיכטער: נחום באָמזע, ישראל אַשענדאָרף, יעקב שודריך און בער שנאַפּער. די צייטשריפט „צושטייער" האָט נישט געהאַט קיין אריכות ימים. ס'זענען פון איר דערשינען בלויז דריי נומערן (פון האַרבסט 1929 ביז פרילינג 1931), זי האָט אָבער אירע מערסטע מיטאַרבע־

טער אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור, ווו זיי האָבן מיט דער צייט גענומען פאַרנעמען אַנגעזעענע ערטער.

נחום באָמזע, פונעם מזרח־גאַליצישן שטעטל סאָסאָוו, האָט נאָך פריער געהאַט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אין „לעמבערגער טאָגבלאַט". אין יאָר 1929 דערשיינט זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „אין די טעג פון דער וואָך". עס זענען שוין דאָרט פאַראַן אומעט און טרויער־שטימונגען, וואָס וועלן דעם דיכטער באַ־גלייטן זיין גאַנץ לעבן. דאָס זענען לידער פון בענקשאַפט נאָך די טעג, וואָס זענען פאַרגאַנגען, נאָך די קינדער־יאָרן. זיי זענען פול מיט מעלאַנכאָליע, מיט מאָטיוון פון טויט.

אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין פאַרלאָזט דאָס שטעטל און געפינט זיך אין דער גרויס־שטאָט, פאַרנעמט דער דיכטער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן דעם רוף פונעם טויט.

אַן אמתער איבערברוך טרעט אַריין אין באָמזעס שאַפונג זינט ער האָט איבערגעדיכטעט אַ באַנד לידער פון לי טאַי פּע. (לי טאַי פּע — איבערדיכטונגען, וואַרשע 1937). דאָס איבערדיכטן די לידער פונעם גרויסן כינעזישן ליריקער פון 8־טן יאָרהונדערט, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ סך פּרעכטיקע נאַטור־באַשריי־בונגען און אין וועלכע ס'ווערט באַזונגען די פרייד פון לעבן, האָט שטאַרק משפּיע געווען אויפן וויטערדיקן דיכטערישן וועג פון באָמזען. זיין דיכטונג ווערט זינט דאַן ראַפינירטער, מצומצמדיקער, מאָדערנער.

אין יאָר 1939, האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, דערשיינט אַ זאַמלונג פון זיינע נייע מאָדערנע לידער: „אַ גאַסט אויף דער נאַכט". ס'זענען שוין פאַראַן אין זיי גרויס־שטאָט־מאָטיוון, אָבער די מאַמע פון דעם קליינעם שטעטל איז נאָך פאַרבליבן. זי טוט תפילה און בעט — לײדער אומזיסט — אויף רו אַנט־קעגן דער נאַכט („תפילה פון מיין מאַמען"), אַנטקעגן דעם אכזריותדיקן גורל, וואָס רוקט זיך אָן.

ישראל אַשענדאָרף, פונעם שטעטל מילניצע — גאַליציש פּאָדאָליע, האָט דעביוטירט מיט לידער אין דער „פּאָלקסצייטונג" אין סוף פון די צוואַנציקער יאָרן. אינעם ערשטן נומער „צושטייער" האָט ער פאַרעפנטלעכט די פּאָעמע „הער־שעלע אַסטראָפּאָליער", וואָס פאַרמאָגט שוין אַ סאָציאַלן מאָטיוו, כאָטש ער איז נאָך געמישט מיט אַ היפּש ביסל ראָמאַנטישקייט. ער באַזינגט אין איר דעם קלוגן און פריילעכן קבצן און לייגט דערביי דעם טראָפּ מער אויף דעם גראָטעסק פון זיין געשטאַלט ווי אויף הערשעלעס ביטערן דלות.

אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג „מאָנטיק אין דער פרי", (לעמבערג

1937), קומט שוין דער סאָציאַלער מאָטיוו אַרויס אַ סך בולטער. דער טאָן איז פון דעסטוועגן אַ גענוג שטילער, נישט קיין שטאַרק קעמפערישער. דאָס איז אַ געזאַנג צום וואָכעדיקן טאָג, צום האָרעפּאַשניק, צום בויט־ליידנדיקן, צום הונגעריקן. פון דער גרויקייט פון דער וואָך מיט איר עלנט, דחקות און הונגער שיינט אַרויס די ליכטיקע געשטאַלט פון דער געטרייער מאַמען, וואָס טראַכט רק ווי צו באַרגן פאַר איר הויזגעזינט: „אַ לאַבן ברויט, אַ פונט קאַרטאָפל, אָדער רייז".

זיין צווייטע לידער־זאַמלונג „גרוסן אין דער ווייט" איז דערשינען אין לעמבערג אין יאָר 1939. איינע פון זיינע גרעסערע פּאָעמעס טראָגט דעם נאָמען: **„אין אַ גרויסער פּרעמדער שטאָט"**. אין איר ווערן באַזונגען די קליינשטעטלדיקע אַרבעטלאָזע יידישע בחורים, וואָס אַנטלויפן אין גרויסן כרך לעמבערג פון זייער היימישן דלות, האָפנדיק צו באַקומען אין אָט דער גרויס־שטאָט אַרבעט און ברויט.

אין אַ מאָלערישער שפּראַך גיט אַשענדאָרף אין זיינע לידער, אין וועלכע דער לירישער עלעמענט איז געמישט מיטן עפּישן, אַן עכט, אויפטרייסלענדיק בילד פונעם מזרח־גאַליצישן שטעטל פון פאַר דעם חורבן.

דער אין יאַריטשעוו ביי לעמבערג געבוירענער ב ע ר ש נ אַ פּ ע ר האָט זיין ערשט ביכל לידער „אָפּשוים" פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1927 אין ווין, זיין צווייטע לידער־זאַמלונג „מיין שטאָט" אין לעמבערג אין יאָר 1932.

שנאַפּער איז געווען אַ לירישער, מיט וועלט־שמערץ אַדורכגענומענער דיכטער. זיין לידער־קונסט האָט ער כסדר פאַרפולקאָמט און אַריינגעבראַכט אין איר אַלץ מער אידעען־עלעמענטן. דיכטנדיק אַ סך אויף פאָלקסטימלעכע מאָטיוון, האָט ער אָבער שטאַרק מקפּיד געווען אויף דער קולטור פון וואָרט.

ער האָט אויך געשריבן סטיליזירטע לירישע פּראָזע, וואָס איז איינגע־זאַמלט אין זיין בוך „מעשה און ליד", (וואַרשע 1934). אין וואַרשע איז אויך דערשינען — (פאַרלאַג „הוטנער" 1937) — זיין לעצט ביכל לידער — „בלאָע ווערטער".

י ע ק ב ש ו ד ר י ך — אַן אָפּשטאַמיקער פון אוגנוו, מזרח־גאַליציע — איז געווען דער צום מערסטן אויף לינקס אָנגאַזשירטער מיטגליד פון דער גרופּע „צושטייער". ער איז געווען דער עכטער פּראָלעטאַרישער דיכטער. זיינע לידער („די ערד רירט") זענען פול געווען מיט סאָציאַלע מאָטיוון און ס'האָבן זיך געהערט פון זיי דרייסטע טענער פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

**יעקב שודריך איז אין די מלחמה־יאָרן אומגעקומען מיט געווער אין האַנט אין קאַמף מיט עס־עס־מערדער,** בעת ער האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע ווידער־שטענדלער, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, זיך געפּרוווט אַרויסרייסן פונעם

יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג, צו די וועלדער, ווו ס'האָבן זיך געפונען סאָוויעטישע און יידישע פּאַרטיזאַנער.

אויך דער לעמבערגער משה (מאָוריצי) שימעל, וואָס האָט זיך שוין געהאַט מיט זיינע שאַפונגען אין פּויליש דערוואָרבן אַ נאָמען אין דער פּוילישער דיכטונג, האָט אין די לעצטע פאַר־מלחמה יאָרן אָנגעהויבן צו דיכטן אין יידיש („מיר איז אומעטיק", פאַרלאַג צעראַטאַ, וואַרשע־ווין 1937). פאַראַן אין זיינע לידער לירישע, צומאָל עלעגישע דיכטונגען, וואָס זאָגן עדות, אַז געשריבן האָט זיי אַ רייפער פּאָעט.

אַ באַזונדערע גרופּע בילדן די דיכטער פון מערב־גאַליציע. צו זיי געהערן:

יוסף לעווי פון קראָקע, וואָס האָט שוין אין יאָר 1913 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער א. ט. „יוגענד־וועלטען" (פאַרלאַג „יודישע קולטור" קראָקע), צווישן זיי אַ ציקל פון צען לידער „מיין טאַטע דער סופר", וואָס זענען אַ געזאַנג צו דער אַלטער יידישקייט. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די פּאָעמע „קראָקע" און „דאָס אַלטע ליד" ווי אויך „פרומע געזאַנגען און אַנדערע לידער".

נחום שטערנהיים פון ריישע, וועלכער האָט פאַרפאַסט הונדערטער האַרציקע פאָלקסלידער מיט אייגענער מוזיק. אין יאָר 1917 האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע „ציונס לידער" און אַ זאַמלונג „אין מיין לאַנד" מיט מוזיק פון אויבער־קאַנטאָר ב. גוטמאַן פון פּראַג. אָבער מערסטנטייל האָט ער די ניגונים צו זיינע לידער צוגעפּאַסט אַליין. ער פלעג זיינע לידער אַליין אויך אויסזינגען אין פאַר־שידענע שטעטלעך. צו די באַקאַנטסטע לידער זיינע געהערן „דאָס יידישע טרינק־געלט", „ישמח משה", „מלכה'לע", „גרינע וועלדער".

אליעזר שינדלער פון טיטשין (געלעבט אַ צייט אין מינכען) האָט אויך פאַרפאַסט אַ סך עכטע פאָלקסלידער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פּשוטקייט, מצומצומדיקייט, האַרציקייט און שפּראַך־אָפּגעהיטקייט. אויך ער האָט צוגעפּאַסט צו די לידער די ניגונים. דער דיכטער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן בשעתו געהאָלפן גרינדן אין פּוילן די בית־יעקב שולן פאַר יידישע טעכטער, און האָט אַריינגעבראַכט אין זיי דאָס יידישע לשון. ער האָט עס פאַרפאַסט דעם הימן פאַר אָט די שולן, וואָס איז שפּעטער שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן און וואָס הויבט זיך אָן מיטן פערז: „יידיש לשון, פּשוט לשון פון די טאַטע־מאַמעס, ביסט דאָך מלא חן אַזוי ווי בלימעלעך אין תמוז".

הערש וועבער, אַן אָפּשטאַמיקער פון יאַסלאָ, האָט זיין ערשט ליד „אין געציילטע ווערטער" אָפּגעדרוקט אין דער צייטשריפט „צושטייער". זינט דאַן האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע פיינע לירישע שאַפונגען אין פאַרשידענע

ליטעראַרישע צייטונגען און אויסגאַבעס, אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנדערע.

מיט דער צייטשריפט „צושטייער" איז אויך געווען ענג פאַרבונדן דער מערב־גאַליציאַנער, אין נייסאַנץ געבוירענער, מענדל בייגרעשל, וואָס האָט געלעבט אין ווין. זיין ערשט ליד האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער פועלי־ציוניסטישער „אַרבעטער־צייטונג" אין נייסאַנץ אין יאָר 1920. פיר יאָר שפּעטער איז אַרויס אין ווין זיין לידער־זאַמלונג „אין שוואַרצן מלכות" און אין יאָר 1930 אַ צווייטע זאַמלונג: „געצעלטן". אין יאָר 1936 האָט ער אין פאַרלאַג „צעראַטאַ" ווין־וואַרשע, אַרויסגעגעבן אַ באַנד איבערזעצונגען „פוילישע ליריקער".

נייגרעשל איז אַ טיף־פילנדיקער, קולטיווירטער לירישער דיכטער. זיינע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער צאַרטקייט און אייגנאַרטיקער בילדערישקייט.

צו דער מערב־גאַליצישער דיכטער־גרופּע דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן דניאל לייבל פון דעמביץ. אין יאָר 1922 האָט ער אין פאַרלאַג „טורעם" אין וואַרשע אַרויסגעגעבן אַ קליינעם באַנד לידער: „אין גרינעם לאַמפּענשיין — לידער פון איין פעריאָד", וואָס האָבן שוין דאַן עדות געזאָגט אויף דער טיף דיכטערישער נאַטור פונעם מחבר, וועלכע איז שפּעטער זייער אָפּט געקומען צום אויסדרוק אין זיין לאַנגער ליטעראַרישער טעטיקייט אין פוילן, אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין ישראל. דניאל לייבל האָט אויך אַרויסגעגעבן פּרעכטיקע איבערזעצונגען אין יידיש פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאָס דראַמאַטישער פּאָעמע „פּראָמעטעאוס און סיזיף" און פון וויספּיאַנסקיס „דניאל" און „די ריכטער".

דער קראָקעווער מרדכי געבירטיג, דער פּאָפּולערסטער צווישן דער מערב־גאַליצישער דיכטער־גרופּע, האָט אין זיינע לידער באַזונגען די יידישע אָרימקייט, די אַרבעטער, די באַלמעלאָכעס, די קינדער. דעביוטירט האָט ער אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אין יאָר 1905 מיט אַ סאָציאַליסטיש ליד אונטערן איינפלוס פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין שכנותדיקן צאַרישן רוסלאַנד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה שרייבט ער דער עיקר פאָלקסטימלעכע לידער. זיין ערשטע לידער־זאַמלונג, דערשינען אין קראָקע אין יאָר 1920 (פאַרלאַג „דאָס ביכל"), טראָגט דעם נאָמען „פאָלקסטימלעך". ער איז דער מחבר פון די צוויי באַקאַנטע לידער „הוליעט, הוליעט, קינדערלעך" און „קינדער־יאָרן", וואָס זענען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין דער באַוווסטער אָפּערעטע „די רומע־נישע חתונה".

געבירטיגס לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער האַרציקייט. פּשוטקייט און עכטקייט. נישטאָ אין זיי קיין פּאָעטישע באַפּוצונגען. זיי פליסן אַזוי צו זאָגן אַרויס

דירעקט פון דעם פּאָלקס נשמה און דריקן אויס זיין געמיט. דעריבער איז קיין ווונדער נישט, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי אָנגענומען ביים פּאָלק, זענען געוואָרן עכטע פּאָלקסלידער און זענען אומעטום געזונגען געוואָרן. אָן ספק האָבן דאָ אויך צוגעהאָלפן די עכט פּאָלקסטימלעכע ניגונים, וועלכע געבירטיג האָט אַליין צו זיי פאַרפאַסט.

געבירטיגס ליד „ס׳ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט״, געשריבן אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, איז געווען ווי אַן אָנזאָג אויף דער גרויסער קאַטאַס־טראָפע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אָנרוקן אויפן פּוילישן יידנטום. ס׳איז שפּעטער, אין די געטאָס, אַ סך געזונגען געוואָרן.

פון דעם דרומדיקן וואַלאַכן־לאַנד, פון רומעניע, איז אין יידישן פּוילן געקומען אַנהובי די דרייסיקער יאָרן איציק מאַנגער. ס׳איז אים פּאָראויס־געגאַנגען דער רום פון זיין ערשטן ביכל לידער „שטערן אויפן דאַך״, וואָס איז דערשינען אין בוקאַרעסט אין יאָר 1929.

שוין פון מאַנגערס ערשטע לידער האָט אַרויסגעזונגען דער דורותדיקער יידישער פּאָלקסגעזאַנג אין דער בעסטער טראַדיציע פון וועלוול זבאַרזשער און די„ בראָדער זינגער״. אָט דעם דאָזיקן רעגיאָנאַל־באַפאַרבטן עכט יידישן פּאָלקס־מאָטיוו האָט מאַנגער אַריינגעפלאָכטן אין דער יידישער דיכטונג פון דעם צווישנ־מלחמהדיקן פּוילן. מיט אים האָט ער צוגעטראָגן נאָך פאַרכאַפּנדיקע קאָלירן צו איר אַזוי פאַרבנרייכן רעגנבויגן און איר צוגעגעבן נאָך איין יסודותדיקן עלעמענט פון פּאָלקישער פאַרוואָרצלטקייט.

קיין פּוילן איז מאַנגער געקומען שוין ווי אַ רייפער דיכטער און דערצו נאָך אַ שטאַרק אויסגעבונדענער אין דער אייראָפּעישער פּאָעזיע און ליטעראַטור בכלל. די פּויליש־יידישע סביבה מיט איר טיפער נאַציאָנאַלער פאַרוואָרצלטקייט און מיט איר קאָמפּאַקטקייט איז פאַר מאַנגערן געווען ממש אַ ברכה. אין איר האָט ערשט מאַנגער צעפאָכעט זיינע פּאָעטישע פליגלען. די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין פּוילן זענען דער פּרודוקטיווסטער פּעריאָד אין זיין שאַפן. פון יאָר 1933 ביז 1939 זענען דערשינען אין וואַרשע זיינע ביכער: „לאַמטערן אין ווינט״ (1933), „חומש־לידער״ (1935), „מגילה־לידער״ (1936), „פעלקער זינגען״ (1936), „וועלוול זבאַרזשער שרייבט בריוו צו מלכהלע דער שיינער״ (1937) „נאָענטע געשטאַלטן״ (1938) און „דאָס בוך פון גן עדן״ (1939).

מאַנגערס ליד איז לויטער געזאַנג און שפּילעוודיקייט. עס ליגט אויף אים אויסגעגאָסן אַ נאַטירלעכער חן, אַ תמימותדיקייט און פרישקייט. עס ווירקט מיט

זיין פשטות, מיט דער נישט געקינצלטקייט, נישט קאָמפּליצירטקייט פון זיינע ווערטער. פון מאַנגערס לידער זינגען אַרויס די פרייד און דער טרויער פון יידישע שניידער־געזעלן, די בענקשאַפט און ליבע פון דעם יידישן דינסטמיידל, די פּאָעזיע פון די יידישע וואַרשטאַטן און דער טיפער צער פון יידישן פאָלקס־געמיט.

מאַנגער איז דער מייסטער פון דער יידישער באַלאַדע. אויב נישט תמיד איז די באַלאַדע ביי מאַנגערן אָנגעפילט מיט בלויז יידישן אינהאַלט, איז אָבער איר דיכטעריש־קינסטלערישע פאָרם תמיד אַ דורכאויס יידישע. קען ער אויס־זינגען באַלאַדעמעסיק אי דאָס גאַסן־מיידל, אי להבדיל דעם בעש״ט, אי איוואַן דעם שיכור, אי דאָס יאָסער שניידערל, אי דעם „געקרייציקטן", אי די שבת־ליכט.

דאָס עכט פאָלקסטימלעכע, דאָס פּשוטע גייט אין מאַנגערס דיכטונג געפּאָרט מיט זיין הויכער פּאָעטישער קולטור. דערין ליגט מסתם דער סוד דערפון, וואָס זיינע שאַפונגען זענען אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אי ביים ברייטן עולם, פאָלקס־מענטשן אי ביי ראַפינירטע מבינים פון דיכטונג.

צו אַ גאָר הויכער קינסטלערישער דערגרייכונג איז מאַנגער דערגאַנגען מיט זיינע חומש און מגילה־לידער. אָנקניפּנדיק אָן דער טראַדיציע פון די פּורים־שפּילן פאַרווייביקט מאַנגער די אבות־געשטאַלטן אויף זיין אייגנאַרטיקן שטי־פעריש שפּילעוודיקן אופן און וועבט זיי איין אין דער פאָלקסטימלעכער יידישער טאָגטעגלעכקייט פון זיין דור.

מאַנגערס דיכטערישער דמיון ציט אַרויף אויף די אבות היימישע באָרד און פּאות, לייגט אַריין אין זייערע מיילער דאָס זאַפטיקע לשון יידיש מיטן פאָלקס־טימלעכן קנייטש און זאָג. די אמהות פּוצט ער אויס אין די שטערן־טיכלעך פון אונדזערע היימישע באָבעס.

דורך אָט דעם דאָזיקן מאַנגערישן פּאָעטישן גרים ווערן אונדזערע תנ״ך — געשטאַלטן וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ טייל פונעם יידישן פאָלקס־געמיט נאָך נענטער צו אים, נאָך היימישער. עס פאַרשווינדט די צייט־דיסטאַנץ צווישן אונדז און זיי. די אבות, וואָס מאַנגער האָט „געטון אויפוועקן פון שמות און זילבערן שטויב" (ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין אַלט־יידישער הקדמה צום „מדרש־איציק"), לעבן אויף פאַר אונדזערע אויגן מיט אַלע זייערע חנ׳ען. און איבער זיי שוועבט דעם דיכטערס שטיפערישע פאַנטאַזיע, וואָס האָט אויסגעשפּונען די אייביקע יידישעווירקלעכקייט ביז צו אונדזערע טעג.

איציק מאַנגער האָט זוכה געווען דערצו צו וואָס אַ יידישער דיכטער האָט זעלטן ווען זוכה געווען. „זיין ליבטיקע פּאָעזיע איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון פאָלק" — זאָגט וועגן אים אברהם סוצקעווער.

שלמה שווייצער

# „יונג־ווילנע"

אין יאָר 1929 האָט זלמן רייזען פאַרעפנטלעכט אין „ווילנער טאָג" אַ גאַנצע זייט מיט שאַפונגען פון נייע יידישע ווילנער שרייבער און זי באַטיטלט: „אַריינמאַרש אין דער יידישער ליטעראַטור".

אַזוי האָט די גרופּע „יונג ווילנע" אַריינמאַרשירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין צווישנמלחמהדיקן פּוילן און גלייך געמומען פאַרנעמען אין איר אַן אַנגעזען אָרט, אַרויסרופנדיק באַגייסטערונג אין דער ברייטער יידישער ליטעראַרישער וועלט.

די דאָזיקע גרופּע איז געווען יונג נישט נאָר מיטן עלטער פון אירע מיטגלידער. אויך אירע מאָטיוון און טענער זענען געווען יונג און ניי און האָבן זיך אָפּגערופן אָפּפרישנדיק און צוזאַגעריש מיט זייער קינסטלערישער עשירות און רעוואָלוציאָנערער געוואַגטקייט.

דאָס אייגנאַרטיקע און ספּעציפישע ביי דער נייער ווילנער גרופּע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אַ טיפער דורותדיקער יידישער איינוואָרצלטקייט. אין ווילנע איז די דרויסנדיקע קולטור־השפּעה אויפן יידישן מענטשן געווען אָן אָן ערך אַ שוואַכערע ווי אין אַנדערע יידישע שטעט אין פּוילן. די ווילנער יידישקייט איז געווען אַ מער איינגעפונדעוועטע ווי אַנדערשוואו. יידיש האָט זיך דאָרט געערדט נאַטירלעכער און איז געווען דאָס טעגלעכע ברויט פון אַלע פאָלקס־שיכטן, פונעם האָרעפּאַשניק ביז צום פּראָפעסיאָנעלן אינטעליגענט. נישט נאָר די גאַס, די קלויז, דער בית מדרש, דער חדר, נאָר אויך די יידישע גימנאַזיע, דער יידישער לערער־סעמינאַר און שפּעטער דער ייוואָ האָבן געשאַפן דעם באָדן, פון וועלכן ס'איז אַרויסגעוואַקסן דער מאָדערנער יידישער מענטש, וואָס איז געווען דורך און דורך דורכגעזאַפּט מיט עכט־יידישער טראַדיציע און האָט ווי אַזאַ אויפגענומען די גייסטיקע און אידעישע שטרעמונגען פון דער נייער צייט.

איז די גרופּע „יונג־ווילנע", וואָס איז אין תוך געווען דער נאַטירלעכער המשך פון דער אַלטער ווילנע, געווען ענג צונויפגעבונדן הן מיט דער איינגעוואָרצלטער יידישער קולטור הן מיט די נייע נאַציאָנאַל און סאָציאַל־באַפרייערישע אידעען אין יידישן מאַסן־לעבן. זי האָט אויסגעדריקט די שטימונגען און שטרעבונגען פון די פּראָגרעסיווע כחות אין יידישן לעבן, נישט אָפּרייסנדיק זיך פונעם עבר — פאַרקערט, בילדנדיק מיט אים אַ גליקלעכן סינטעז.

דאָס ערשטע העפט פון דער צייטשריפט פון דער גרופּע, וואָס האָט

געטראָגן דעם נאָמען: „יונג־ווילנע, זאַמל־העפט פאַר ליטעראַטור און קונסט", איז דערשינען אין יאָר 1934. ווייטערע צוויי העפטן זענען דערשינען אין יאָר 1935 און 1936.

דער אַנימאַטאָר פון „יונג־ווילנע" איז געווען שמערקע קאַטשער־גינסקי. ער פלעג פון צייט צו צייט אָנשרייבן אַ ליד. האָט עס געטראָגן מערסטנטייל דעם כאַראַקטער פון אַן אמתן פאָלקס־ליד און פלעג באַלד געזונגען ווערן דורכן ברייטן עולם. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען אָבער מערסטנס פלעג ער שרייבן רעפּאָרטאַזשן, וואָס זענען געווען שטאַרק געלונגענע. שמערקע קאַטשערגינסקי און דער שוין פריער דערמאָנטער משה לעווין זענען געווען די איינציקע פּראָזע־שרייבער פון דער גרופּע „יונג־ווילנע".

אָקעגן האָט „יונג־ווילנע" צו פאַרצייכענען ביז גאָר אָנגעזעענע דערגריי־כונגען אין דער דיכטונג. זענען דאָך די „יונג־ווילנער" אויפגעקומען און זיך אַנטוויקלט אין שטורמישע יאָרן, בעת וועלכע פּאָעזיע ווי אַן אימפּולסיווע רעאַק־ציע איז מער צוגעפּאַסט ווי פּראָזע אויסצודריקן די שטימונגען פון דער צייט.

לייזער וואָלף, דער פּראָדוקטיווסטער פון דער גרופּע, (ווי סוצ־קעווער גיט איבער, האָט ער ביזן יאָר 1939 אָנגעשריבן אַ 5 טויזנט לידער, הונדערטער דערציילונגען און צענדליקער ראָמאַנען און דראַמען וואָס דער ווייט גרעסטער טייל פון זיי איז פאַרפאַלן געוואָרן אין ווייטן אוזבעקיסטאַן וווּ דער דיכטער איז געשטאָרבן אין יאָר 1943) איז געווען אי יידיש אי אוניווערסאַל. ער איז געווען באַאיינפלוסט פון קולבאַקן, פון נאַדירן, פון מאַנגערן, אָבער אויך פון ווערלען, באָדלער און היינען. ער האָט געשריבן לידער וועגן בעטהאָווענען, וועגן שפּינאָזען, וועגן בודאַ און אויף הונדערטער פאַרשידנסטע מאָטיוון און טעמעס, אפילו אויף די אויסטערלישסטע.

לייזער וואָלפ׳ס דיכטערישע פאַנטאַזיע איז געווען אַ שטאַרקע ביז גאָר און אָפט האָט ער זי נישט געקענט צוימען. זיינע אויסדרוק־פאָרמען זענען געווען די פאַרשידנאַרטיקסטע. פאַראַן אין זיינע לידער קינדערישער שפּיל, האַרציקער הומאָר, פאַראַן אויך צאַרטע ליריק, אומעט און טרויער, צומאָל אויך בייסיקע איראָניע און אפילו גאַליקע סאַטירע, ספּעציעל ווען ער רעדט וועגן די רייכע און מעכטיקע. אין שטילע, טרויעריקע שורות באַזינגט לייזער וואָלף דעם אַלטן יידישן שטייגער, וואָס פאַרגייט, דעם גאונס קלויז, דעם פאַרחלומטן מקובל, דעם גוססדיקן וואַסערטרעגער־ייד, דעם לעצטן טאַנצנדיקן חסיד און זיין שטיבל.

לייזער וואָלף האָט זיינע לידער פאַרעפנטלעכט דער עיקר אין „ווילנער טאָג", אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (ווו ער האָט דעביוטירט, אַלט זייענדיק

16 יאָר), אין די אויסגאַבעס פון „יונג־ווילנע" און אין אַנדערע צייטשריפטן און זאַמלונגען אין פוילן און אין אויסלאַנד.

אין בוך־פאָרם איז דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1936 זיין פּאָעמע „עוויגינגאַ" (געדרוקט מיט לאַטיינישער שריפט). דאָס איז אַ שאַפונג אין סטיל פון לאָנגפעללאָס „הייאַוואַטאַ". דער דיכטער באַרירט אין איר, אין אַ פאַנטאַסטיש־אַלעגאָרישער פאָרם, די אייביקע באַגערן און זוכענישן פון מענטשן. אין יאָר 1939, האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, איז דערשינען זיין בוך געקליבענע לידער „שוואַרצע פּערל". ער האָט פאַרטיק געהאַט צום דרוק אַ גרויסע פּאָעמע „דער נייער מנחם־מענדל" (וואָס טיילן פון איר האָבן יאָ באַוויזן פאַרעפנטלעכט צו ווערן), געשריבן אין דער פאָרם פון בריוו, פון וועלכע עס שפּריצט קוואַלנדיקער הומאָר. ער האָט געהאַט צוגעגרייט צום דרוק „טוביה דער מילכיקער" (פינף מאָנאָלאָגן), „מאָטל דעם מוליערס" און אַ גרעסערע פּאָעמע „ערדיש". לײדער זענען זיי שוין קיינמאָל נישט דערשינען און האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע זיינע איבעריקע אַנצאָליקע שאַפונגען.

אַ שטאַרק צונויפגעוואַקסענער מיט דער נאַטור איז אלחנן וואָגלער. זיינע געפילן צו דער נאַטור זענען ממש רירנדיקע. די נאַטור איז זיין גאַנץ לעבן. די לאַנדשאַפט, די טייכן און געוויקסן, דער הימל און דאָס וואַסער און אויך די חיות בילדן די הויפּט־עלעמענטן פון זיין דיכטערישן שאַפן. דורך זיי דריקט ער אויס זיינע טיפסטע שטימונגען און איבערלעבענישן, זיינע געדאַנקען וועגן דעם לעבן און וועגן די פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

די נאַטור־מאָטיוון קומען שוין ביי וואָגלערן צום אויסדרוק אין זיינע ערשטע לידער, פאַרעפנטלעכטע אין „ווילנער טאָג" און אין די אויסגאַבעס פון „יונג־ווילנע".

וואָגלערס ערשט בוך: די פּאָעמע „אַ בלעטל אין ווינט", דערשינען אין יאָר 1935, האָט מיט איר פרישקייט און אָריגינעלקייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די האַרציקע און תמימותדיקע נאַטור־באַשרייבונגען און פאַרגלייכונגען צווישן מענטשן און געוויקסן מיט בעלי חיים וועבן זיך אין דער פּאָעמע אַדורך מיט אַן אומעט, ווען דער דיכטער זינגט וועגן זיך גופא, וועגן זיינע מיטצייטלער, דער יידישער יוגנט. פאַראַן אויך אין דער פּאָעמע געוויסע סאָציאַלע מאָטיוון.

די סאָציאַלע אָריענטירטקייט פונעם דיכטער קומט בולטער אַרויס אין זיין צווייטער פּאָעמע „צוויי בעריאָזעס ביים טראַקט" (1939). וואָגלער באַרירט אין איר אייביקע פּראָבלעמען פון לעבן און טויט, פון פרייהייט און יושר, פון פרייד און אומעט, פון ליבע, גליק און שלום — מיט איין וואָרט די פּראָבלעמען פון דעם

מענטשן אויף דער ערד. כאָטש דער אַלגעמיינער טאָן פון דער פּאָעמע איז אַ פּעסימיסטישער, פילט זיך דאָך אין איר דער טיפער גלויבן פון פּאָעט אין דעם ענדגילטיקן זיג פון דער גערעכטיקייט.

די פּאָעמע טראָגט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. עס ווערן אין איר באַזונגען דער דומם, די שטומע בעלי חיים. זיי גיט דער דיכטער אַוועק זיין גאַנצע פאַנטאַזיע, זיין ליבשאַפט. ער פאַרגעסט אָבער אויך נישט זיינע היימישע ווילנער יידן, צווישן וועלכע ער הויבט אַרויס העראָישע געשטאַלטן, קרבנות פון אומרעכט און פון גרויזאַמקייט.

וואָגלערס פאַרליבטקייט אין דער ווייסרוסישער נאַטור באַווייזט ווי שטאַרק דער דיכטער איז מושפּע פון קולבאַקן. וואָגלערס שפּראַך איז אַ רייכע, אַ ביל־דלעכע, באַפאַרבט מיט עכטן ליטוויש־יידישן און אפילו ווייסרוסישן לאָקאַלן קאָלאָריט.

חיים גראַדע איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור פון דער ישיבה, פון דער קלויז אַן אָנגעלאָדענער מיט טראַדיציאָנעלן יידישן וויסן. פון דאָרט האָט ער אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט עכטע אַלט־יידישע מאָטיוון, די וועלט פון תורה און גמרא־לערנען, די וועלט פון די מוסרניקעס און זיי צונויפגעבונדן מיט די עלעמענטן פון דער פּראָגרעסיווער מאָדערנער יידישקייט, צו וועלכער ער איז דערגאַנגען. אַן אַדורכגעזאַפּטער מיט דער טראַ־דיציע פון די נביאים, פון דער מיטלעלטערלעכער העברעאישער דיכטונג, איז גראַדע אויך שטאַרק מושפּע געוואָרן פון ביאַליקן, יהואשן, קולבאַקן און לייוויקן.

אין זיינע לידער האָט גראַדע געפּרוווט, ווי ער האָט געזאָגט אין זיינער אַ רעדע אין יענע יאָרן, בעת מ'האָט געפּייערט די אים צוגעטיילטע „איקוף״־פּרעמיע, געפינען „אַ זינען פאַר אונדזערע ליידן, כדי אונדזער טראַגעדיע זאָל נישט ווערן לעכערלעך ווי ביי אַ טייל פון די ברידער אונדזערע, וואָס מוזן אָפּקומען פאַר עפּעס וואָס זיי ווילן נישט זיין״.

חיים גראַדעס לידער האָבן זיך געדרוקט אין די אויסגאַבעס פון „יונג־ווילנע״ און אַנדערע צייטשריפטן. אין יאָר 1936 איז אין ב. קלעצקין פאַרלאַג אין ווילנע אַרויס זיין ערשטע לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „יאָ״.

„יאָ״ איז געווען דער נאָמען פון איינעם פון די לידער אין דער זאַמלונג.

— „יאָ דאָס ענטפערן די שטערן: אמן״ אויף דעם דיכטערס „יאָמער, וואָס פאַרקליידט זיך אין געזאַנג״. דאָס ליד איז אַ הימן צום גלויבן.

אָבער די אַנדערע לידער פון דער זאַמלונג ווייזן דאָס רוב מיט פּעסימיס־טישע טענער. עס זינגט אין זיי טרויעריק אַרויס די ווילנער אָרעמקייט, אין

וועלכער דער דיכטער איז געווען דערצויגן („דער קעלער"). אויף אַ רירנדיקן אופן פּלעכט דער דיכטער אַריין אין זיי זיינע טיפע געפילן און בענקשאַפטן צו דער אויסגעהאַרעוועטער מאַמען.

פאַראַן אויך ביי גראַדען אַ סעריע לידער אויף נביאישע טעמעס: „יחזקאל", „דער באַשאַפענער", „דער וועג פון פיין", „דער נביא שטראָבט", „אין טאָל פון ביינער".

אין זיין ברייט־פאַרמאַסטענער פּאָעמע „מוסרניקעס" (1939) שילדערט גראַדע דאָס לעבן פון דער ישיבה און מוסר־שטיבל, אין וועלכע ער אַליין האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן. דאָס איז אַ דיכטערישע שילדערונג פון די ראַנגלע־נישן פון די מוסרנדיקעס, וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם שווערן עול פון יידישקייט און פייניקן זיך מיט די אייביקע יידישע פּראָבלעמען.

חיים גראַדע איז אַ פּאָעטישער, טיף־נאַציאָנאַלער יידישער דיכטער, וואָס האָט אין דער ערב־חורבן עפּאָכע אויסגעזונגען די פיינען פון זיין דור.

דער ייִנגסטער פון דער גרופּע איז א ב ר ה ם ס ו צ ק ע ו ו ע ר. ווי אַן 21־יעריקער דרוקט ער אָפּ זיין ערשט ליד „אונטער רעגנס מאַייקע" אין „ווילנער טאָג" — אין יאָר 1934. אין זעלבן יאָר באַטייליקט ער זיך אין דעם ערשטן זאַמלהעפט „יונג־ווילנע". אין יאָר 1937 גייט אַרויס אין דער „ביבליאָטעק פון יידישן פּען־קלוב, וואַרשע" זיין ערשט בוך: „לידער", וואָס פאַרכאַפּט תיכף די לייענער און ליטעראַרישע קריטיקער. אין יאָר 1940 דערשיינט אין ווילנע זיין בוך: "וואַלדיקס".

שוין סוצקעווערס ערשטע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער יונג־קייט און פרישקייט און שטעלן זייער מחבר אַוועק ווי אַ דרייסטן פּורץ גדר אינעם פעלד פון דער יידישער דיכטונג.

סוצקעווער איז באַאיינפלוסט פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג, פון יהואשן און קולבאַקן, פון די אַמעריקאַנער „אינזיכסטן", אויך פונעם תנ"ך און נישט ווייניקער פון דער פּוילישער ווי אויך פון דער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע בכלל. ער איז אָבער נישט געפּענטעט מיט קיין איינעם פון די פּאָעטישע נוסחאות.

ער איז דורך און דורך אינאָוואַטאָר, באַנייער, ביי איז זיין דיכטערישער זעאונג, וואָס ווערט געגערט נישט נאָר פון דעם נאָר וואָס באַנומענעם, נישט נאָר פון דער אָקאָרשטיקער פּערצעפּציע, נייערט אויך און אפשר דער עיקר פון דעם פון פריער איינגעזאַפּטן, פון די אין אים לאַנג שוין אַריינגענומענע חלומות.

ביי זענען זיינע אויסדרוק־פאָרמען, אין וועלכע בילד און קלאַנג וואַקסן

זיך צונויף צו אַ האַרמאָנישן איינס און בילדן אויס אַ ווונדערבאַרע מוזיקאַליש־פלאַסטישע סימפאָניע. ניי איז אויך זיין שפּראַך, וואָס ער מוז ספּעציעל אויס־מייסטערן, כדי זי זאָל אים דינען ביים איבערגעבן זיין געפיל און געדאַנקען־וועלט, וואָס זאָל מאָלן די פאַרבן און אַרויסברענגען די טענער.

סוצקעווערס וועלט־פּאַרנעם איז אַ גאָר ברייטער, „אַלץ איז ווערדיק פאַר מיין אויגס געוואָגל". עס לעבט אין אים די באַצויבערנדיקע אור־פּראַכט פון סיביר, וואָס ער האָט אַריינגעאָטעמט אין זיך אין זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן („אין אַ סיבי־רער וואַלד" „כוטער" און אַנדערע לידער).

אין זיינע לידער „לאָמיר וועבן די לעגענדע", „אַ נאַכט מיט שפּינאָזען", „אַ פייער־פויגל" ווי אויך אין אַנדערע זעט מען בולט ווי דער אידעען־עלעמענט מישט זיך ביים דיכטער אויס מיט זיין בילדער און קלאַנג־שפּע. אין סך הכל באַקומט זיך ביי אים עשירות פון וואָרט און ניגון, פון שטימונגען און באַטראַכ־טונגען, פון געפיל און געדאַנק.

סוצקעווערס לידער זענען מייסטנס פאַנטעזיסטישע וויזיעס פונעם קאָסמאָס. זיי דריקן אויס אַלמענטשלעכע געפילן און באַרייכערן דערמיט דעם דיכטערס פּערזענלעכקייט וואָס איז דורך און דורך אַ יידישע. מיט זיי האָט אויך דער דיכטער שטאַרק באַרייכערט די מאָדערנע יידישע פּאָעזיע.

אין יענע פאַרמלחמה־יאָרן איז נאָך אברהם סוצקעווער געווען אַן אין „פאַרבענקטער אַליינקייט" פאַרזונקענער דיכטער. דאַן זענען נאָך זיינע לידער געווען פּראָדוקטן פון ריין אינדיווידועלע איבערלעבענישן.

האָט די השגחה געוואָלט, אַז סוצקעווער זאָל צוזאַמען מיטן געפייניקטן פאָלק דורכמאַכן די יאָרן פון חורבן — אין געטאָ גופא און שפּעטער אין די וועל־דער — און ווערן דער פּאָעטישער געשטאַלטער פון די גרויליקסטע איבערלעבונגען פון אונדזער פאָלק. די פּאָעטישע אַנטוויקלונגען, וועלכע סוצקעווער איז דורכגע־גאַנגען אין זיין דיכטערישן פּעריאָד פון פאַר דער מלחמה, האָבן אים רייף געמאַכט אויפצונעמען און אויסצודריקן דעם גאַנצן גרויל און די טראַגיק פון דער חורבן־עפּאָכע און אַרויסצוהויבן זיך צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער, „וועמענס פּאָעטישער גורל — ווי ש. ניגער דריקט זיך אויס — איז געוואָרן איינס מיט דעם גורל פון זיין פאָלקס אומשטערבלעכקייט".

פון די אַנדערע דיכטער, וואָס האָבן געהערט צו דער גרופּע „יונג־ווילנע", וועלן מיר נאָך דערמאָנען:

ש מ ש ו ן  ק אַ ה אַ ן, וואָס האָט געזונגען דער עיקר אויף סאָציאַלע טעמעס און אַרויסגעבראַכט אין זיינע לידער די נויט און דעם צער פון דער ווילנער

יידישער אָרעמקייט, נישט פאַרלירנדיק דערביי די האָפענונג אויף אַ בעסערן, ליכטיקן מאָרגן און פּרץ מיראַנסקי׳ן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע משלים. מיראַנסקיס משלים, געשריבענע אין אַ פּשוטער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, טראָגן אַ בולט־סאָציאַלן כאַראַקטער. ס׳מערקט זיך ביי מיראַנסקי׳ן דער איינפלוס פון אונדזער משלים־מייסטער אליעזר שטיינבאַרג.

נאָענט צו די יונג־ווילנער, כאָטש נישט זייענדיק קיין מיטגלידער פון דער גרופּע — זענען געווען די צוויי שטאַרק אויף לינק אָריענטירטע דיכטער מיכאל נאָטיש—שוטאַן און לייב גערמאַניסקי.

מיכאל נאָטיש—שוטאַן, פון סוועטציאַן, האָט באַזונגען דעם אָרעמען באַטראַק פון דאָרף. אין זיין בוך לידער: „מוליער הירש״ האָט ער אויפן שטייגער פון טוביה דעם מילכיקן דעם האָרעפּאַשניק אָראָפּגעריסן דעם שלייער פון די נגידישע פּני איינעם שטעטל.

לייב גערמאַניסקי האָט געשריבן פיינע לידער אויף סאָציאַלע טעמעס. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אָריגינעלע קריטישע אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים א. ל. גארין. צוליב זיינע לינקע איינשטעלונגען איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז בערעזע, אין מאַי 1936, און דאָרט פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט.

אונטער דער השפּעה פון „יונג־ווילנע״ און ספּעציעל אַ דאַנק לייזער וואָלפן איז אין ווילנע געשאַפן געוואָרן אַ גרופּע פון עטלעכע ייִנגערע שרייבער און דיכ־טער, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „יונגוואַלד״ און האָט, טאַקע אונטער דער רעדאַקציע פון לייזער וואָלפן, אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל מיטן זעלבן נאָמען.

דער טאָן־געבער פון דער גרופּע „יונגוואַלד״ איז געווען דער יונגיטשקער הירשקע גליק. וועמענס „ערשטע לידער — ווי עס שרייבט סוצקעווער — האָבן גלייך אָן אָטעם געטאָן מיט אַ פרישן אומגעצוימטן כּוח און אָנגעזאָגט אַן עכטן דיכטערישן טאַלאַנט״.

הירשקע גליק איז געווען שטאַרק שאַפעריש. זיין טעמאַטיק איז געווען אַ פאַרשידענע, דאָך דאָמינירט ביי אים די טעמע פון די הינטערשאָטישע ווילנער גאַסן מיט זייער גרויסער אָרעמקייט.

דערמאָנט הירשקע גליקס ביאָגראַף ד״ר מ. דוואָרזשעצקי, אַז אין איינעם פון זיינע לידער „אַמאָל״ געפינט זיך אַ פראַזע, וועלכע האָט היינט צו טאָג אַ סימ־באָלישן קלאַנג: „איך האָב אַמאָל געטרוימט צו זיין אַ העלד פון אַ לעגענדע״.

זיין טרוים איז יעדער מקוים געוואָרן. הירשקע גליק איז אַריין אין דער לעגענדע. ער איז עס דער, וואָס האָט אין ווילנער געטאָ פֿאַרפֿאַסט דעם פּאַר־טיזאַנער־הימן „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", דעם הימן, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון יידישן ווידערשטאַנד, פֿון יידישער גבורה און פֿון יידישן בטחון.

## מעמואַריסטיק

אַ חשוב אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור אינעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן פֿאַרנעמט די מעמואַריסטיק. דאָס זענען שאַפֿונגען, וואָס ברענגען אַרויס דערמאָנונ־גען, איבערלעבענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער תקופה און שילדערן די ענדערונגען, וואָס זענען פֿאַרגעקומען אין יידישן לעבן אויפֿן שטעטל און אין אָנהויב פֿון הייַנטיקן יאָרהונדערט. געשריבן זענען די מעמואַרן דורך שריפֿטשטעלער אָדער געזעל־שאַפֿטלעכע טוער, וואָס האָבן אין גאַנג פֿון יידישן לעבן גענומען אַ טעטיקן אָנטייל.

לאָמיר דערמאָנען:

א ב ר ה ם   ז אַ ק — „אונטער די פֿליגלען פֿון טויט" (זכרונות פֿון דער ערשטער וועלט מלחמה) 1921.

פּ נ ח ס   ג ר אַ ו ב אַ ר ד — „אָן אַנדער לעבן" (וואַרשע 1929).

ד״ר   ג ר ש ו ן   ל ע װ י ן — „אין וועלט־קריג" (1923) און „פֿון די אַלטע גוטע צייטן" (1925).

ד״ר   י צ ח ק   ל י י פּ ו נ ע ר — „פֿיר יאָר אין דער וועלט־מלחמה" (1923).

ק. ה.   ה י י ש ר י ק — „אין פֿייער און בלוט" — מעמואַרן פֿון דער וועלט מלחמה.

י ע ק ב   מ ע ס ט ע ל — „מלחמה־נאָטיצן פֿון אַ יידישן אָפֿיציר" (1924).

ד״ר   י.   װ י ג אָ ד ס ק י — „אין שטורם" — זכרונות פֿון די אָקופּאַציע־צייטן (1926), „אין גהינום". זכרונות פֿון די דייטשע תפיסות בעת דער וועלט־מלחמה (1927) „אין סמבטיון" — זכרונות פֿון צווייטן סיים 1926—1927 (1931).

ד״ר   צ מ ח   ש אַ ב אַ ד — „אויטאָביאָגראַפֿיע" (יוואָ 1935).

י ש ר א ל   ב ו נ י מ אָ װ י ט ש — „מעמואַרן" (ווילנע 1928).

ח י י ק ל   ל ו נ ס ק י — „פֿון ווילנער געטאָ" (ווילנע 1920).

מ. מ.   ר אָ ז ע נ ב ו י ם — „ערינערונגען פֿון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער (וואַרשע 1924).

וולאַדימיר מעדעם — „זכרונות און אַרטיקלען" (וואַרשע 1917).

א. ליטוואַק — „וואָס געווען" עטיודן און זכרונות (ווילנע 1925).

בייניש מיכאַלעוויטש — „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט" 3 בענד (וואַרשע 1921—1923).

לייביטשקע בערמאַן — „אין לויף פון יאָרן" זכרונות פון אַן אַלטן בונדיסט וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905 (1936).

ח. ש. קאַזדאַן — „אין די טעג פון רעוואָלוציע 1917—1918 אין איינער אַ שטאָט" (וואַרשע 1928).

אלחנן צייטלין — „אין אַ ליטעראַרישער שטוב".

ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות" 4 בענד.

ש. ל. ציטראָן האָט אויך אַרויסגעגעבן: „באַרימטע יידישע פרויען", „משו־מדים", „שתדלנים" און אַ „געשיכטע פון דער יידישער פרעסע".

יעקב פּאַט — „אויף די וועגן פון באַגינען" — אַ ביאָגראַפישער ראָמאַן אויפן פאָן פון דער געשיכטע פון בונד.

ג. אַבראַמאָוויטש און אַל. דאַברין־אַבראַמאָוויטש — „דער זיידע צווישן אייגענע און פרעמדע — זכרונות פון מענדעלעס טעכטער" (וואַרשע 1928).

י. נ. שטיינבערג — זכרונות פון אַ פאָלקס־קאָמיסאַר (וואַרשע 1931).

## דראַמע

אויך די דראַמאַטישע שאַפונג איז פאַרטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין דעם צווישנמלחמהדיקן פוילן.

פון די דראַמעס זענען בלויז געציילטע אויפגעפירט געוואָרן. געשען איז עס אין אַ גרויסער מאָס צוליב דער קאָמפּליצירטקייט פון זייער פאָרם און געוויס אויך צוליב דעם אָפּטמאָל הויכן ניוואָ פון זייער אינהאַלט, וואָס האָט איבערגע־שטיגן די פאַרלאַנגען פון די טעאַטער־אונטערנעמערס, וועלכע האָבן זיך תמיד געזוכט צוצופּאַסן צוםברייטן יידישן טעאַטער־עולם.

אין אַ צאָל דראַמעס פרוּוון די מחברים באַהאַנדלען פּראָבלעמען פון דער קעגנוואַרט, אַריבערוואַרפנדיק זיי אויפן עקראַן פון דער פאַרגאַנגענהייט. אויפן פאָן פון היסטאָרישע געשעענישן ווערן אַזוי־אַרום אַרויסגערוקט היסטאָרישע גע־שטאַלטן, וואָס ווערן געטריבן דורך ליידנשאַפטן, מאַכט־באַגערן, גלוסטונגען נאָך דערלייזונג, שטרעבונגען אַ סוף צו מאַכן צו אומרעכט און צו נויט, מיט איין וואָרט

דורך די אַלע מאָטאָרן, וועלכע האָבן פון תמיד אָן באַווירקט און געמאַכט ווירקן דעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט און האָבן אויך אין דער יידיש־פוילישער ווירקלעכקייט זיכער נישט אויפגעהערט צו ווירקן. גאָר באַזונדער ווערט דאָ באַרירט און אַרויסגעבראַכט די משיח־טעמאַטיק, באַנומען מיט די באַגריפן פון דער קעגנוואַרט.

די דראַמעס־פאַרפאַסערס און זייערע ווערק זענען:

יעקב פרעגער — („דער נסיון", „שמחה פלאַכטע", „מלך פריי־לעך" — צאַרטע קאָמעדיע).

אהרון צייטלין — („יידן־שטאַט", „יעקב פראַנק", „ברענער", „אסתרקע און קאַזשימיעזש דער גרויסער", „כעלמער חכמים").

משה קולבאַק — („יעקב פראַנק").

שלמה גילבערט — („משיח׳ס טריט").

אלתר אייזנשלאַס — („כסא הרבנות").

ד"ר י. ב. צפור — („בבל", „אויפשטאַנד").

מ. ליפשיץ — („הערשעלע אָסטראָפּאָליער" — קאָמעדיע).

פישל בימקאָ — („דעמבעס", „גנבים").

מ. ב. שטיין — („ערד און הימל").

אַלטער קאַציזנע — („פּראָמעטעאוס", „דער דוכוס", „דער גייסט דער מלך", „הורדוס", „וועלט־געוויסן", „שוואַרצבאַרד", „דעם יידנס אָפּערע").

פאַלק היילפּערין — („יוסף דלה ריינה", „קיניגין מרים").

## ליטעראַטור־קריטיק און עסייאיסטיק

**אויפן שטח פון דער ליטעראַטור־קריטיק און דער עסייאיסטיק** האָבן זיך אינעם יידישן פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות אַרויסגערוקט גאָר באַדייטנדיקע כחות.

די פרייטיקדיקע ליטעראַטור־ביילאַגעס פון די יידישע טאָג־צייטונגען זענען געווען וויכטיקע ליטעראַטור־פּאָזיציעס וואָס האָבן דערצויגן הונדערטער טויזנטער יידישע לייענער פון דער פאָלקס־מאַסע און זיי אַריינגעפירט אין דער ספערע פון דער יידישער ליטעראַטור.

אויסער דעם האָבן אין פאַרשידענע צייטן עקזיסטירט ספּעציעלע ליטעראַ־רישע אויסגאַבעס: וואָכנשריפטן ווי די „ליטעראַרישע בלעטער", „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור", „ליטעראַרישע טריבונע", חודש־זשורנאַלן: ווי „ביכער־וועלט",

„גלאָבוס״, „די יידישע וועלט״ און אַנדערע פּעריאָדישע ליטעראַרישע פּובליקאַ־ציעס ווי אַלמאַנאַכן, שריפטן וכדומה.

אין די אַלע צייטונגען און ליטעראַרישע אויסגאַבעס האָבן אָנטייל גענומען באַהאַוונטע ליטעראַטור־קריטיקער און עסייאיסטן, אַ טייל פון זיי מיט אַן עכט אייראָפּעיִשן פאַרנעם.

מיר וועלן דאָ דערמאַנען אַ ריי נעמען (לויטן א״ב), זייענדיק פון פאָרויס זיכער, אַז מיר וועלן די ליסטע ווייט נישט אויסשעפּן:

א. איינהאָרן, רחל אויערבאַך, י. באַשעוויס, יצחק בערנשטיין, פאַלק היילפּערין, נפתלי ווייניק, הערש וועבער, שמואל זאַראָמב, מ. זילבערפאַרב, י. י. טרונק, י. כמורנער, איציק מאַנגער, ד. ב. מאַלקין, אהרון מאַרק, בער מאַרק, נחמן מייזיל, י. מ. ניימאַן, מ. נייגערשל, ש. סטופּניצקי, דוד ספאַרד, מאַקסעריק, נח פּרילוצקי, יעקב פאַט, דבורה פאָגעל, לעאָ פינקעלשטיין, הלל צייטלין, אהרון צייטלין, אלחנן צייטלין, י. קאַזשדאַן, פּסח קאַפּ־לאַן א. קאַציזנע, ב. קאַרלינסקי, מ. קיטאַי, ז. קלמנאָוויטש, י. ראַפּאָפּאָרט, זלמן רייזען, מ. ב. שטיין, ישראל שטערן.

# די יידישע וויסנשאַפט אין צווישנמלחמהדיקן פוילן

איינער פון די אַספעקטן פון דעם נאַציאָנאַלן קולטור־רענעסאַנס, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די יידישע מאַסן אין דעם צווישנמלחמהדיקן פוילן, איז געווען דער וואַקסנדיקער אינטערעס פאַר דער יידישער סאָציאַלער און געשיכטע־וויסנשאַפט. דער דאָזיקער אינטערעס איז געגאַנגען געפּאָרט מיט דער אינטענסיווער אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן פונעם קאָלעקטיוון גייסטיקן לעבן. ער האָט עקזיסטירט ביי דער פאָלקס־מאַסע און, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, ביי דער יידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, פאַר וועלכער דער אויפשטייג פון דער פוילישער געשיכטע און סאָציאַלער וויסנשאַפט האָט געדינט ווי אַ מין אַרויסרוף און ביישפּיל נאָכצוטאָן. די מאַסן, און דער עיקר זייערע גייסטיקע פירערס, זענען וואָס אַמאָל מער דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן באַוווסטזיין, אַז כדי צו קענען זאָרגן פאַר די אינטערעסן פונעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, וועלכער איז געשטאַנען אין טאָגטעגלעכן שווערן קאַמף פאַר זיין קיום, איז נויטיק צו קענען זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין היסטאָרישע אַנטוויקלונג — אי די ווירטשאַפטלעכע, אי די פּאָליטישע, אי די קולטורעלע — ווי אויך זיין אַקטועלן סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב. דאָס פאַרנעמען זיך און באַהאַווענט ווערן מיט דעם פאָלקס עבר און הווה איז נויטיק געווען כדי צו זיין מסוגל צו פאַרענטפערן די פּראָבלעמען פון זיין עתיד.

גלייכצייטיק מיט דעם אינטערעס איז אויך געוואַקסן דער אינטערעס פאַרן וויסנשאַפטלעכן אויספאָרשן פון דער יידישער שפּראַך, פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע און פאַרן יידישן פאָלקלאָר. דאָס איז נויטיק געווען, כדי די יידישע שפּראַך זאָל ווערן אַ בילדונג־מיטל און קולטור־כח פאַר די יידישע מאַסן אין קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלן רענעסאַנס און אויפן וועג צו דערהויבן זייער אייגענע קאָלעקטיווע גייסטיקע חשיבות.

איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אי די יידישע געשיכטע־וויסנשאַפט, אי די יידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק, אי די יידישע שפּראַך־פאָרשונג האָבן גענומען שטאַרק זיך צו צעוואַקסן אינעם צווישנמלחמהדיקן פוילן.

מערערע יידישע סטודענטן האָבן אָנגעהויבן גרייטן זייערע דאָקטאָר־דיסערטאַציעס אויף יידישע געשיכטלעכע, עקאָנאָמישע אָדער סאָציאַלע טעמעס, פאַרמאָגנדיק צו זייער דיספּאָזיציע — אין די פאַרשידענע ביבליאָטעקן, זאַמלונגען און אַרכיוון — זייער ברייטע פאָרש־מעגלעכקייטן. פון דער אַנדערער זייט האָבן אויך נישט ווייניק יידישע פאָלקס־אינטעליגענטן גענומען וויסנשאַפטלעך פאָרשן יידישע פּראָבלעמען און שרייבן וועגן זיי.

ס׳רוקט זיך גלייך אָן אַ פאַרגלייך צווישן דעם אויפבלי פון דער יידישער וויסנשאַפט און אָן אַנדער אויפבלי אויפן געביט פון יידישער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, דער עיקר אויף דעם פון דער געשיכטע־פאָרשונג — דאָס איז דער אויפבלי, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין 19־טן יאָרהונדערט צווישן די יידן אין דייטש־לאַנד. אויך דאָרט איז דאָן געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ נייע באַוועגונג אונטערן נאָמען פון חכמת ישראל „וויסנשאַפט דעס יודענטומס״, וואָס האָט געבראַכט צו די וויכ־טיקע ווערק פון אַ גייגער, צונץ, יאָסט און אַנדערע און צום סוף פון גרעצן. אָבער כאַראַקטעריזירט האָט די דאָזיקע וויסנשאַפט אַ בפירושע טענדענץ צו באַווייזן, אַז דאָס יידנטום האָט אויסצופירן אַ באַזונדערע מיסיע אויף דער וועלט — צו פאַרשפרייטן די אידעען פון ברידערלעכקייט, פון ליבע און שלום צווישן די פעלקער. די דעמאָלטדיקע דייטש־יידישע וויסנשאַפטלער האָבן עס „באַוויזן״ דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגערעכנט די גרויסע אויפטוען פון די יידן אויף די געביטן פון רעליגיעזן געדאַנק, פון דער פילאָזאָפיע און פון דער וויסנשאַפט. דאָס איז געווען פון איין זייט אַ פאַרהערלעכונג פון דעם יידישן גלות, פון דער יידישער צעשפרייט־קייט צווישן די פעלקער, וואָס נאָר זי האָט מעגלעך געמאַכט די יידן צו דערפילן זייער געשיכטלעכע „מיסיע״ („מיסיאָנס־יודענטום״). פון דער אַנדערער זייט האָט אַזאַ געשיכטע־אויסטייטשונג געדאַרפט דינען ווי אַ סאָרט „פּאַספּאָרט״ צו דער פולשטענדיקער איינגלידערונג פון די יידן צווישן די ציוויליזירטע פעלקער, ווי אַ באַרעכטיקונג פון דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע און גלייכצייטיק ווי אַן אָפּדאַנקונג פאַר איר — אַלץ אין גייסט פון דער ריינסטער אַפּאָלאָגעטיק.

דיאַמעטראַל ווייט און קעגנזעצלעך איז דער זין און די טענדענץ פון דעם אויפבלי פון דער יידישער וויסנשאַפט אין מזרח־אייראָפּע אין די ערשטע צענ־דליק יאָר פונעם הייניטיקן יאָרהונדערט און ספּעציעל אין פוילן. דאָ איז זי נישט קיין פאַרענטפערונג, קיין באַרעכטיקונג פאַר עפּעס. זי איז ווייט פון יעטוועדער מיסיע און פון יעטוועדער אַפּאָלאָגעטיק. זי איז דער אויסדרוק פון דעם באַוווסט־זיין, וואָס דאָס פאָלק האָט אין זיך פון זיין אייגענעם ווערט, פון זיין חשיבות ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע פעלקער. די דאָזיקע יידישע וויסנשאַפט האָט געדאַרפט דינען דעם פאָלק צו שטאַרקן זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן און קולטורעלן באַוווסט־זיין, זי האָט געדאַרפט זיין פאַר אים — און זי איז געוואָרן — אַ כלי זיין אין זיין שווערן קאַמף פאַר זיין קיום, פאַר זיינע רעכט, פאַר זיין ווייטערדיקער נאַציאָ־נאַלער אַנטוויקלונג.

שוין אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געהאַט אָנגעהויבן די אַרבעטן פון יידישע היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן, סטאַטיסטיקער,

דעמאָגראַפן, שפּראַך־פאָרשער, פאָלקלאָר־זאַמלער הן אויף די געביטן פון אַמאָליקן קאָנגרעס־פּוילן הן אויף די געביטן פוןביידע גאַליציעס. זינט דעם אויפקום פונעם אומאָפּהענגיקן פּוילן זענען די דאָזיקע אַרבעטן ווייטער אָנגעגאַנגען און האָבן זיך אויסגעברייטערט.

## „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט" (ייוואָ)

אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן האָט זיך געגומען פילן אַ באַדערפעניש צו קאָאָרדינירן אָט די פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, איינצושטעלן אין זיי אַ סדר, זיי צו אינטענסיוויזירן און אויך מאָדערניזירן, אַריינברענגען אין זיי נייע, מער צוגעפּאַסטע פאָרש און אַרבעט־מעטאָדן.

דער ביישפּיל פון פּוילן גופא, ווו ס'זענען זיך צעוואַקסן מלוכהשע וויסנ־שאַפטלעכע הויכע פאָרש און לערן־אַנשטאַלטן, טאַקע אויפן געביט פון געשיכטע, פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פילאָלאָגישע דיסציפּלינען, איז געווען אַ שטאַרק אָנלאָקנדיקער. אַרויסרופעריש האָבן אויך געווירקט צוויי געשעענישן אויפן שטח פון דער יידישער וויסנשאַפט אין וועלט־מאַסשטאַב. דאָס זענען געווען די דערעפענונג פון דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים אין יאָר 1925 און, כמעט אין דער זעלבער צייט, די גרינדונג פון דער יידישער אָפּטיילונג פון אינסטיטוט פאַר ווייסרוסלענדישער קולטור (אינבוייסקולט) אין מינסק.

אין מערץ פון יאָר 1925 זענען זיך אין ווילנע צונויפגעקומען אַ גרופּע יידישע וויסנשאַפטלער און קולטור־טוער, כדי צו באַטראַכטן דעם פּראָיעקט, וועלכן נחום שטיף, וואָס איז געזעסן אין בערלין, האָט מיט אַ פּאָר חדשים פריער אויסגעאַרבעט אויף צו שאַפן אַ יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט.

אויפן דאָזיקן צונויפקום איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן דעם „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט", וואָס איז שפּעטער פּאָפּולער געוואָרן ווי דער „ייוואָ". אין חודש אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער צווייטער אַלפּוילישער צוזאַמענפאָר פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, אויף וועלכן ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע אין זעלבן זין.

אין חודש אויגוסט פון דעם זעלבן יאָר איז אין בערלין פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון יידישע וויסנשאַפטלער פון פּוילן, ליטע, דייטשלאַנד און פראַנקרייך און ס'איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן, אַז כאָטש דער גרעסטער טייל פון די יידישע וויסנשאַפטלער לעבט אין מערב־אייראָפּע, זאָל דער צענטער פון „ייוואָ" זיך געפינען אין ווילנע, אין דער אַלטער יידישער קולטור־שטאָט מיט איר איינגעוואָרצלטער טראַדיציע און מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן, כדי דער

אינסטיטוט זאָל זיך געפינען אין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן פאָלק, שעפּן אינספּי־ראַציע פון דער לעבעדיקער פאָלקס־קולטור און דינען די באַדערפעניש פון זיין אַנטוויקלונג, אָנהאַלטנדיק דערביי די העכסטע מדרגה פון דער גייטיקער וויסנ־שאַפטלעכער אָביעקטיוויטעט.

מיטן אויפשטעלן דעם „ייוואָ" איז צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע געשאַפן געוואָרן אַן אַלוועלטלעכער צענטער פאַר דער יידישער וויסנ־שאַפט און קולטור.

ייוואָ האָט אָנגעהויבן צו רעפּרעזענטירן די יידישע וויסנשאַפט פאַר דער וועלט און געשאַפן פאַרבינדונגען מיט די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון פאַרשידענע פעלקער און לענדער.

עס זענען אין „ייוואָ" אָרגאַניזירט געוואָרן 4 וויסנשאַפטלעכע סעקציעס:
1. די פילאָלאָגישע סעקציע 2. די עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע סעקציע 3. די היסטאָרישע סעקציע 4. די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע.

אַרום די פיר סעקציעס האָבן זיך אָרגאַניזירט די יידישע געלערנטע אויף די פאַרשידענע געביטן און גענומען קאָאָרדינירן צווישן זיך זייערע אַרבעטן.

די פאַרשידענע סעקציעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן זייערע פּובלי־קאַציעס, אַ חוץ וועלכע ס'האָבן גענומען דערשיינען די „ייוואָ"־בלעטער" (חודש־שריפט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט), אין וועלכע עס זענען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן אַרבעטן אויף אַלע פיר דערמאָנטע וויסנשאַפטלעכע געביטן. די „ייוואָ־בלעטער" זענען אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ווייַנרייך ז. קלמנאָ־וויטש און ז. רייזען.

אויסער די „ייוואָ־בלעטער" האָט „ייוואָ" אַרויסגעגעבן נאָך דריי צייט־שריפטן. דאָס זענען געווען: „יידישע עקאָנאָמיק" פון דער עקאָנאָמיש־סטאַטיס־טישער סעקציע אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב לעשטשינסקי, „יידיש פאַר אַלע" פון דער פילאָלאָגישע סעקציע אונטער דער רעדאַקציע פון נח פּרילוצקי־ווי אויך „ידיעות פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט", וואָס פלעגן דער־שיינען יעדן חודש.

אַרום די סעקציעס און פּובליקאַציעס האָבן זיך קאָנצענטרירט הונדער־טער יידישע וויסנשאַפטלער און פאָרשער אויף די געביטן פון יידישער געשיכטע, עקאָנאָמיק סטאַטיסטיק, דעמאָגראַפיע, שפּראַכוויסנשטפט, פאָלקלאָר־זאַמלונג, ליטעראַטור־געשיכטע, טעאַטראָלאָגיע, ביבליאָגראַפיע, פּסיכאָלאָגיע, פּעדאַגאָגיק, פילאָזאָפיע, קונסט אאז"וו.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע פ א ל ק ל א ר ק א מ י ס י ע, וואָס

האָט באַוויזן צונויפצוזאַמלען מער ווי הונדערט טויזנט נומערן פון יידישן פאָלקס־שאַפן (פאָלקסלידער, פאָלקס מעשיות, מנהגים, ווערטלעך אאַז״וו). געהאָלפן זאַמלען האָבן הונדערטער קאָרעספּאָנדענטן און זאַמלערס אויף די ערטער. ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ברייט פאַרצווייגטע אויפקלער־אַרבעט דורך אַנקעטעס, אינסטרוקציעס, בראָשורן און אַרטיקלען אין דער פּרעסע, דורך מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע און שריפטלעכער קאָרעספּאָנדענץ, כדי צו וועקן אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט דעם אינטערעס פאַר דער זאַמל־אַקציע.

אַ ספּעציעלע טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע האָט צונויפגעזאַמלט העכער זיבן הונדערט טערמינאָלאָגיעס פון יידישע פאַכן און וויסנשאַפטלעכע טערמינאָלאָגיעס פאַר דער יידישער שול.

אַ ביבליאָגראַפישע צענטראַלע ביים ייוואָ האָט פאַררעגעס־טרירט די גאַנצע יידישע ביכער־פּראָדוקציע און די פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון גאַר דער וועלט אין יידיש, העברעיש און אַנדערע שפּראַכן. זי האָט דערגרייכט צו מער ווי 220 טויזנט ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענישן אין אירע קאַרטאָטעקעס, וואָס האָבן אַרומגענומען אַלע יידישע ענינים און פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין געדרוקטן וואָרט.

אַ ספּעציעל אָרט האָט אין ייוואָ פאַרנומען די אָרגאַניזירטע יוגנט־פאָר־שונג, וואָס איר צוועק איז געווען אויפצוקלערן דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּסיכאָלאָגישן פּראָבלעם פון דער יידישער יוגנט. ס׳זענען דורכגעפירט געוואָרן קאָנקורסן, וואָס האָבן געגעבן ביז גאָר וויכטיקע רעזולטאַטן: עטלעכע הונדערט אויטאָביאָגראַפיעס פון יידישע יוגנטלעכע פון 8 לענדער אַ חוץ טאָג־ביכער.

ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן די אַספּיראַנטור א״נ פון ד״ר צמח שאַבאַד, וואָס איר צוועק איז געווען צוצוגרייטן פאַר אַלע צווייגן פון דער יידישער וויסנשאַפט נייע פאָרשערס און טוערס, „וואָס זאָלן העלפן אונדזער פאָלק אין דעם שווערן קאַמף פאַר זיין קיום מיט דעם געווער פון דערקענען און וויסן״.

ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן אַן אייגענער בנין פון „ייוואָ״ אין ווילנע, אויף וויוואָלסקי־גאַס 18, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דאָס הויז פון דער יידישער וויסנשאַפט״ און אין וועלכן ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע צווייגן פון אינסטיטוט מיט אַ פייער־זיכערן מאַגאַזין אויף צו באַוואָרענען די צונויפגעקליבענע אוצרות.

דער „ייוואָ״ האָט פאַרשפּרייט זיין טעטיקייט איבער דער גאָרער יידישער וועלט. ער האָט פאַרמאָגט אַן אָפּטיילונג אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק (אַמאָפּטייל), אין בוענאָס־איירעס (אַרגאָפּטייל) און געזעלשאַפטן פריינד, שטיצגרופּעס און קאָרעס־פּאָנדענטן אין קרוב 30 לענדער פון אַלע וועלטטיילן.

אין יאָר 1935 איז אין ווילנע, צום 10 יאָריקן יובל פון ייוואָ, פאָרגעקומען דער אַלוועלטלעכער צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט 153 דעלעגאַטן פון 13 לענדער און הונדערטער געסט. אויף דעם צוזאַמענפאָר זענען געהאַלטן געוואָרן 33 רעפעראַטן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס, אַלגעמיינע און אויף די געביטן פון די אויבן דערמאָנטע פיר סעקציעס.

דער סך־הכל פון די 14 יאָר „ייוואָ״־אַרבעט — פון 1925 ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — איז גאָר ענג פאַרבונדן מיט די דערגרייכונגען פון די יידישע וויסנשאַפטלער אינעם צווישנמלחמהדיקן פוילן אויף די פאַרשיידענע געביטן פון זייערע פאָרשונגען. וועלן מיר פּרוּוון אָנצייכענען אין קורצע שטריכן די אַנטוויקלונגען און אויפטוען אויף יעדן איינעם פון זיי.

גע שי כ טע

דריי זענען געווען די פּיאָנערן פון דער יידישער געשיכטע־פאָרשונג אין פוילן און אַלע דריי האָבן זיי געשטאַמט פון גאַליציע. דאָס זענען געווען משה שאָר, מאיר באַלאַבאַן און יצחק שיפּער.

דער ערשטער, פּראָפ. משה שאָר, האָט אין אָנהויב פון דער יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן דריי וויכטיקע מאָנאָגראַפיעס (אויף פויליש): 1. „די אָרגאַניזאַציע פון די יידן אין פוילן ביזן יאָר 1772״. 2. „די יידן אין פּשעמישל״. 3. „דער קראָקעווער קאָדעקס פון די סטאַטוטן און פּריווילעגיעס פאַר יידן״.

דער צווייטער, פּראָפ. מאיר־שמואל באַלאַבאַן, האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה פּובליצירט, אויך אין פויליש, 1. זיין קלאַסיש ווערק וועגן יידן אין לעמבערג. וואָס איז פּרעמירט געוואָרן פונעם וואָוועלבערג־פאָנד און האָט אויך באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער קראָקעווער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן (ערשטע אויפלאַגע 1906, צווייטע אויפלאַגע 1909). 2. אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער יידישער קהלה אין קראָקע (דערשינען אין דייטש א. ט. „קראָקאָוער יודענגעמיינדעאָרדנונג״ אין פראַנקפורט אַם מיין אין 1913 און 1916). 3. „געשיכטע פון יידן אין גאַליציע אין יאָר 1916״.

אין יאָר 1919 איז אַרויס אין בערלין אין דייטש זיין ווערק: „די יודענשטאָדט לובלין״. אין די יאָרן 1931 און 1936 זענען דערשינען ביידע בענד פון זיין מאָנומענטאַל ווערק (אין פויליש): די געשיכטע פון די יידן אין קראָקע און אויפן קאַזשימיעזש (1868—1304).

פּראָפעסאָר מאיר־שמואל באַלאַבאַן האָט אויך געשריבן וועגן דער שבתי צבי־באַוועגונג, וועגן פראַנקיזם און חסידיזם אין פוילישן יידנטום, וועגן דער געשיכטע

פון דער יידישער קונסט, בפרט פון דער סינאַגאָגאַלער. זייער פּאָפּולער איז געווען זיין דרייבענדיק לערן־בוך פון יידישער געשיכטע, דערשינען צווישן 1926 און 1925, וואָס איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיש.

אין יידיש האָט ער פאַרעפנטלעכט אין „אַלמאַנאַך" פון מאָמענט" (1921) אַ גרעסערע אַרבעט „צו דער געשיכטע פון יידישע דרוקערייען אין פּוילן", באַזירט אויף אַרכיוואַלע שטודיען. אין יאָר 1930 איז אין ווילנע (פג. ב. קלעצקין) דערשינען זיין זאַמלונג אַרבעטן אין יידיש „די יידן אין פּוילן" — שטודיעס און שילדערונגען פון פאַרגאַנגענע תקופות.

באַלאַבאַנס היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס ווערן באַטראַכט ווי מוסטערן פון פאָרשערישער געוויסנהאַפטיקייט. צוזאַמען מיט זיינע קלענערע אַרבעטן נעמען זיי אַרום כמעט אַלע געביטן פונעם אַמאָליקן יידישן לעבן אין פּוילן.

אויך אין די „היסטאָרישע שריפטן" פון „ייוואָ" ווי אויך אין די „ייוואָ־בלעטער" האָט פּראָפ. באַלאַבאַן פאַרעפנטלעכט אַכט פאַרשידענע קלענערע אַרבעטן.

דער דריטער, ד"ר י צ ח ק ש י פּ ע ר, איז דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע, וואָס גיט זיך אָפּ דער עיקר מיט דער עקאָנאָמישער געשיכטע, מיטן אינעווייניקסטן לעבן פון די יידישע קהלות, מיט די יידישע סאָציאַלע באַוועגונגען, מיט שטייגער און קולטור־געשיכטע.

זיין ערשטע גרעסערע היסטאָרישע אַרבעט האָט שיפּער אָפּגעדרוקט אין יאָר 1906 אין פּויליש „מיעסיענטשניק היסטאָריטשני" וועגן דעם „אָנהויב פון קאַפּיטאַליזם ביי יידן אין מערב אייראָפּע" (אַרויס אין זעלבן יאָר אין דייטש אין ווין און אין יאָר 1920 אין פאַרלאַג „אַרבעטער־היים" וואַרשע אין דער איבער־זעצונג פון הלל מיימון).

אין יאָר 1911 דערשיינט (אויך אין פּויליש) זיין אַרבעט: „די ווירטשאַפט־געשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער", וואָס איז אין יאָר 1926 דער־שינען אין פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ אין וואַרשע אין דער איבערזעצונג פון דניאל לייבל און עמנואל רינגעלבלום.

אין יאָר 1926 איז אויך דערשינען אין זעלבן פאַרלאַג זיין „קולטור־געשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער" אין דער איבערזעצונג פון ע. רינגעלבלום.

אַ פּיאָנערישע אַרבעט איז זיין „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע פון די עלטסטע צייטן ביז 1750", וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע אין וואַרשע אין די יאָרן 1923 (1־טער באַנד) און 1925, (2־טער באַנד).

אויסער די דאָזיקע הויפט־ווערק האָט שיפּער נאָך פאַרעפנטלעכט אַ סך צענדליקער קלענערע אַרבעטן און אַרטיקלען איבער די פאַרשידנסטע היסטאָרישע טעמעס, איבער פּראָבלעמען פון דער יידישער פילאָלאָגיע און ליטעראַטור־געשיכטע — אין אַ גאַנצער ריי צייטשריפטן ווי אויך אין די „היסטאָרישע שריפטן" און אַנדערע פּובליקאַציעס פון „ייוואָ".

באַזונדער גרויס איז געווען יצחק שיפּערס השפּעה אויפן ייִנגערן דור יידישע היסטאָריקער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

אין יאָר 1923 האָט זיך אין וואַרשע געגרינדעט דער אַקאַדעמישער סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע, וועלכער האָט אַרומגענומען יונגע יידישע היסטאָריקער, מערסטנס סטודענטן אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפ. מ. באַלאַבאַן און י. שיפּער.

צו די 3 יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער סעמינאַר אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „יונגער היסטאָריקער" (שריפטן פון סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע ביי דער יידישער אַקאַדעמישער היים אין וואַרשע. אויסגאַבע פון צענ־טראַל־קאָמיטעט פון די יידישע אַקאַדעמישע פאַראיינען אין פּוילן. פאַרלאַג ב. קלעצקין וואַרשע 1926). אין דעם דאָזיקן באַנד האָבן זיך באַטייליקט מיט זייערע היסטאָרישע אַרבעטן (און אויך מיט פּראָגראַם־אַרטיקלען) די דאַן נאָך יונגע היסטאָריקער: רפאל מאַהלער, עמנואל רינגעלבלום, יעקב בערמאַן, ליפּמאַן צאַמ־בער, אסתר טענענבוים, בעלאַ מאַנדעלסבערג, פּנחס קאָן און חנה וואַרשאַווסקאַ.

אין דעם דאָזיקן סעמינאַר האָבן די יונגע יידישע היסטאָריקער געהאַט די מעגלעכקייט צוצוגרייטן זייערע דאָקטאָר־דיסערטאַציעס (אַ סך ביי פּראָפעסאָר באַלאַבאַן), מערסטנס אויף יידיש־געשיכטלעכע טעמעס.

דער צווייטער באַנד פון „יונגער היסטאָריקער" איז דערשינען אין יאָר 1929 און טראָגט שוין דעם טיטל „שריפטן פון אַקאַדעמישן סעמינאַר פאַר יידי־שער געשיכטע אין וואַרשע ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע". פאַר דער צייט זענען די יונגע היסטאָריקער צוגעשטאַנען צום „ייוואָ" און אין זיינע ראַמען אַנגעגאַנגען מיט זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

די צוויי לעצטע בענד פונעם „יונגן היסטאָריקער" זענען דערשינען אין יאָר 1934 און אין יאָר 1938. זיי טראָגן שוין דעם הויפּט־נאָמען: „בלעטער פאַר געשיכטע" — היסטאָריקער־קרייז ביי „ייוואָ" אין וואַרשע. דער דאָזיקער קרייז, וואָס איז זיך פאַר דער צייט שטאַרק צעוואַקסן און געציילט איבער 30 מיטגלידער, איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ טייל פון דער „היסטאָרישער סעקציע" פון „ייוואָ".

אויסער די „בלעטער פאַר געשיכטע" האָט די היסטאָרישע סעקציע פון „ייוואָ" אַרויסגעגעבן דריי גרויסע בענד „היסטאָרישע שריפטן". דער ערשטער באַנד איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1929 און ס'האָבן זיך אין אים באַטייליקט מיט וויכטיקע אַרבעטן די שענסטע פאָרשטייער פון דער יידישער געשיכטע־וויסנשאַפט, צווישן זיי שמעון דובנאָוו, י. ברוצקוס, פּראָפ. מ. באַלאַבאַן, א. טשעריקאָווער, יעקב שאַצקי, י. שיפּער, נ. מ. געלבער, זלמן רובאַשאָוו, ד"ר אַלפרעד לאַנדו, נח פּרילוצקי, ע. רינגעלבלום, א. מענעס, און אַ סך אַנדערע.

דער צווייטער באַנד איז אַרויס אין יאָר 1937 און איז געווען געווידמעט דעם 75־טן יובל פון שמעון דובנאָוו. ס'האָבן זיך אין אים באַטייליקט מער ווי 30 פון די אָנגעזעענסטע יידישע היסטאָריקער אין דער גאָרער וועלט. ביידע בענד זענען רעדאַגירט געווען פון א. טשעריקאָווער.

אין יאָר 1939 איז אונטער דער בשותפותדיקער רעדאַקציע פון א. טשעריקאָווער, מ. מענעס, פ. קורסקי און א. ראָזין (בן־אדיר) אַרויס דער דריטער באַנד „היסטאָרישע שריפטן", וואָס איז געווען געווידמעט דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביז דער גרינדונג פון בונד.

אויך אין דער וואָגיקער חודש־שריפט „ייוואָ בלעטער" פלעגן כסדר פאַרעפנטלעכט ווערן גרעסערע אָדער קלענערע אַרבעטן פון די עלטערע און ייִנגערע יידישע היסטאָריקער. אַזוי האָט דאָרט ליפמאַן צאָמבער פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרבעטן, דער ווילנער היסטאָריקער פ. קאָן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטן אויף פאַרשידענע היסטאָרישע טעמעס, אהרן אייזענבאַך האָט דאָרט געשריבן וועגן יידן אין וואַרשעווער פירשטנטום.

די יונגע היסטאָריקערין בעלאַ מאַנדעלסבערג האָט אין די 2 ערשטע נומערן פון „יונגן היסטאָריקער" פאַרעפנטלעכט אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון די יידן אין לובלין.

אויסער די פּעריאָדישע אויסגאַבעס זענען ביי דער היסטאָרישער סעקציע פון „ייוואָ" דערשינען אַ ריי וויכטיקע היסטאָרישע ווערק. דאָס איז ראשית כל די צען־בענדיקע „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" (אַ חוץ דעם באַנד זיבן אין אַ יידישער איבערזעצונג (ז. קלמנאָוויטש, ח. ש. קאַזשדאַן, נ. שטיף א.א.) דאַן איז אַרויס שמעון דובנאָוו'ס „די געשיכטע פון חסידיזם" 2 בענד (איבערזעצט פון דעם העברעישן אָריגינאַל).

אין יאָר 1938 איז ביי דער „היס. סעקציע" דערשינען דאָס בוך פון עמנואל רינגעלבלום: „די פּוילישע יידן אין אויפשטאַנד פון קאָשציושקאָ".

אין יאָר 1938 — „גזרות ת״ח״ אַן אָפּהאַנדלונג פון ד״ר י. שאַצקי מיט נתן נאָטע האַנאָווערס „יון מצולה״ איבערגעזעצט דורך לאַצקי־בערטאָלדי און אַ ביאָגראַפיע פון ג.ג. האַנאָווער פון איזראַעלסאָן.

אין יאָר 1939 האָט די היסטאָרישע סעקציע אַרויסגעגעבן דאָס בוך פונעם יונגן היסטאָריקער ישעיה טרונק: „די געשיכטע פון די יידן אין פּלאָצק 1657—1237״.

יעקב שאַצקי, וועלכער איז אין 1922 אַוועק פון וואַרשע קיין אַמעריקע און דאָרט געשאַפן גאָר וויכטיקע היסטאָרישע אַרבעטן, מיטאַרבעטנדיק מיטן אַמעריקאַנער אָפּטייל פון „ייוואָ״, האָט נאָך זייענדיק אין פּוילן פאַרעפנטלעכט, הארט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך איר, פאַרשידענע אַרטיקלען איבער געשיכטע־טעמעס אין פּוילישע און אויך רוסישע צייטשריפטן. אין יאָר 1922 האָט ער אין זאַמלבוך „שטראָמען״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע, אָפּגעדרוקט אַ גרעסערע אַרבעט א. נ. „די קאַנטאָניסטן אין דער באַלויכטונג פון די פּוילישע מעמואַריסטן״. אין יאָר 1928 איז אין וואַרשעווער פאַרלאַג יאַטשקאָווסקי דערשינען זיין אָריגינעל בוך וועגן פילאָזאָפיע: „שפינאָזאַ און זיין סביבה״.

און אַז מיר רעדן שוין וועגן אַן עלטערן יידיש־פּוילישן היסטאָריקער, לאָמיר אויך דערמאָנען דעם באַקאַנטן יידיש־פּוילישן זשורנאַליסט שמואל הירשהאָרן, וועלכער האָט אין יאָר 1923 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע „די געשיכטע פון די יידן אין פּוילן פון פיר־יעריקן סיים ביז דער וועלט מלחמה, 1788—1914״ (דערשינען אויך אין יידיש) און דעם אָנגעזעענעם היסטאָריקער ע. נ. פרענק, וואָס האָט אין יאָר 1923 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע (פאַרלאַג פרייד) זיין באַוווּסט בוך: „משומדים אין פּוילן אין 19־טן יאָרהונדערט״.

ע. נ. פרענק האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1923 אין באַנד 3 פון „בלעטער פאַר אידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק״ אַן אַרבעט איבער „די צאָל יידן און זייערע באַשעפטיקונגען אין די שטעט פון קיניגרייך פּוילן אין 1843 יאָר״.

פון היסטאָרישן ווערט איז אויך דאָס באַוווּסטע בוך פון ש. אַנ־סקי „דער יידישער חורבן אין פּוילן, גאַליציע און בוקאָווינע״, דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1921.

מען דאַרף אויך דערמאָנען דאָס מאָנומענטאַלע קאָלעקטיווע ווערק אונטער דער רעדאַקציע פון י. שיפּער, א. טאַרטאַקאָווער און א. האַפטקאַ „די יידן אינעם נייגעבוירענעם פּוילן״ (אין פּויליש) דערשינען אין 2 דיקע בענד אין 35—1934.

דאָרט זענען פאַראַן וויכטיקע היסטאָרישע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן ביז 1918 געשריבן פון אָנגעזעענע היסטאָריקער.

פ. פ ר י ד מ אַ ן האָט פאַרעפנטלעכט אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין גאַליציע און וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין לאָדזש.

אַ „געשיכטע פון ציוניזם" האָט פאַרעפנטלעכט אין וואַרשע (1935) י ע ק ב צ י נ ע מ אַ ן.

נ. ב י ר ־ ר אַ פ אַ ל ק ע ס האָט פאַרעפנטלעכט דעם ערשטן באַנד פון „די געשיכטע פון סאָציאַליזם" (פאַר. „רויטע פאַן" קראָקע, 1923).

וויכטיקע ווערק זענען דערשינען וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג:

„רויטער פנקס" — צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. ערשטער זאַמלבוך פ"ג קולטור־ליגע, וואַרשע 1921.

„יידישער אַרבעטער פנקס" (צו דער געשיכטע פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג. רעדאַגירט דורך זרובבל. פ"ג נייע קולטור וואַרשע 1927.

צום 25־טן יובל פון דער פועלי־ציון באַוועגונג 1906—1931. פועלי־ציון־אַלמאַנאַך (נייע קולטור וואַרשע).

ד"ר א ר י ה ט אַ ר ט אַ ק אָ ו ע ר האָט אַרויסגעגעבן זיין „תולדות תנועת העובדים היהודים" (אין העברעיש) אין 3 טיילן (אויסגאַבע: הנוער ומרכז החלוץ העולמי — 1929, 1930, 1931).

צום 25־טן יובל פון בונד איז דערשינען: 25 יאָר (1897—1922) — זאַמלבוך, געווידמעט דעם 25 יאָריקן יובילעאום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (דרוק די וועלט).

אין יאָר 1930 איז אין פאַרלאַג „די וועלט" דערשינען: דער „בונד" אין דער רעוואָלוציע פון 1905—06, לויט די מאַטעריאַלן פון בונדישן אַרכיוו.

אין יאָר 1937 האָט א. וואָלף־יאַסני אַרויסגעגעבן אין לאָדזש דעם ערשטן באַנד פון „געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש".

אין די 8 יאָרגענג פון די „ייוואָ"־בלעטער איז דערשינען אַ זייער צווישן ליטע אין פוילן, וועגן יידן אין וואַרשע אין 18־טן יאָרהונדערט, וועגן יונגע היסטאָריקער, צווישן וועלכע די באַדייטנדיקסטע זענען געווען ד"ר ר פ א ל מ אַ ה ל ע ר און ד"ר ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו ם.

ר. מאַהלער האָט צווישן אַנדערן געשריבן וועגן דעם יידישן האַנדל גרויסער היסטאָרישער און היסטאָריש־ליטעראַרישער מאַטעריאַל געשריבן דורך די

חסידיזם און השכלה אין עסטרייך אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָר־הונדערט, וועגן די קאַראַימער.

ר. מאַהלער האָט אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ" (דערשינען אין בערלין אין די דרייסיקער יאָרן) פאַרעפנטלעכט היסטאָרישע אַרבעטן איבער מער ווי 30 יידישע קהלות אין פוילן.

אין יאָר 1933 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען דער 7־טער אינטערנאַציאָנאַלער היסטאָריקער־קאָנגרעס, אין וועלכן ס׳האָט זיך אויך באַטייליקט אַ „ייוואָ"־דעלעגאַציע. אויף דעם קאָנגרעס האָט ר. מאַהלער געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן „די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג און דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע".

אין יאָר 1937 איז אין דער אויסגאַבע פון „ייוואָ" (סעמינאַרן אין דער אַספּיראַנטור א״נ פון ד״ר צמח שאַבאַד) דערשינען ר. מאַהלערס אַרבעט: די אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

אין יאָר 1930 איז אין פאַרלאַג קולטור־ליגע אין וואַרשע דערשינען: געקליבענע מקורים צו דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן און מזרח־אייראָפּע, העפט 1, מיטל־עלטער. דאָס איז געווען אַ בשותפותדיקע אַרבעט פון ר. מאַהלער און ע. רינגעלבלום (אַרויס אויך אין פויליש).

ר. מאַהלער און ע. רינגעלבלום האָבן זיך אין זייערע היסטאָרישע פאָרש־אַרבעטן באַנוצט מיטן מאַרקסיסטישן מעטאָד און געלייגט דעם טראָפּ דער עיקר אויף די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע אַספּעקטן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, האַלטנדיק, אַז געשיכטע איז קודם כל אַ סאָציאַלע וויסנשאַפט, וואָס דאַרף אַרויסברענגען דעם סאָציאַלן קאַמף, וואָס איז דער יסוד פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. פאַר זיי האָט שוין יצחק שיפּער זיך באַנוצט מיטן זעלביקן מעטאָד. אויך אַ סך פון די יונגע היסטאָריקער האָבן זייערע אַרבעטן געשריבן לויט דער דאָזיקער שיטה. דערפון שטאַמט אויך הויפּטזאַכלעך דער פאַקט, וואָס אַלע האָבן זיי געשריבן יידיש (הגם אויך אין פויליש), אין דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקסמאַסן, די טרעגער פון דער יידישער געשיכטע — אַ זאַך, וואָס איז דער פריערדיקער יידישער היסטאָריאָגראַפיע געווען לחלוטין פרעמד.

אויך עמנואל רינגעלבלום האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך אַרבעטן אין די אויסגאַבעס פון „ייוואָ", צווו. אַנד. וועגן „חסידות און השכלה אין וואַרשע אין 18־טן יאָרהונדערט", „צו דער געשיכטע פון יידישן בוך און דרוק אין פוילן אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט". ער האָט אויך געדרוקט

אַרבעטן אין די „היסטאָרישע שריפטן", אין די „עקאָנאָמישע שריפטן", „פילאָ־לאָגישע שריפטן" און „יונגער היסטאָריקער".

אין יאָר 1934 איז אַרויס אין וואַרשע (אין פויליש) זיין וויכטיקע אַרבעט „פּראָיעקטן און פּרוּוון איבערשיכטן יידן אין דער תקופה פון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט". אין יאָר 1938 האָט „ייוואָ" אַרויסגעגעבן זיין וואָגיקע מאָנאָגראַפיע: „די פוילישע יידן אין אויפשטאַנד פון קאָשציושקאָ".

אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ" האָט רינגעלבלום זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פון יידישע שטעטלעך אין פוילן.

אויפן שוין אויבנדערמאָנטן אינטערנאַציאָנאַלן היסטאָריקער־קאָנגרעס אין וואַרשע, אין יאָר 1933, האָט רינגעלבלום געלייענט אַ רעפעראַט: „די סאָציאַלע אוןווירטשאַפטלעכע געשיכטע פון די יידן אין פוילן בעתן 18־טן יאָרהונדערט".

רינגעלבלום איז נישט געווען דער טיפּ פון קאַבינעט־פאָרשער. זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט איז גאָר ענג פאַרבונדן געווען מיט זיין טאָג טעגלעכער געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער טעטיקייט. ער איז געווען אויפן אינטימסטן אופן פאַרבונדן מיט די ברייטע פאָלקסמאַסן, מיטגעליטן אירע נויטן און געפּרוּווט זיי צו לינדערן. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה האָט ער מיטגעאַרבעט מיטן „דזשאָינט", רעדאַגירט דעם זשורנאַל „אַליינהילף". האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער אָנגעפירט מיט דער הילף־אַקציע פאַר די יידן, אַרויסגעשיקטע פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך געפונען אין זבאָנשין.

זיין לאַנגע וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט ביז דער מלחמה האָט צוגעגרייט רינגעלבלומען צו שפּילן אין די פינצטערע געטאָ־יאָרן אין וואַרשע די אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָל פון אָרגאַניזאַטאָר פון „עונג שבת", פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו און (מיט זיינע איבערגעלאָזענע כתבים) פון דעם אויטענטישסטן כראָניקער פון זיין פאַרפייניקטן פאָלק, וועמעס פינצטערן גורל ער האָט געטיילט צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד.

עקאָנאָמיק, סטאַטיסטיק, דעמאָגראַפיע

די מאָדערנע יידישע עקאָנאָמישע און סטאַטיסטישע וויסנשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין דעם ערשטן צענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט ספּעציעל אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווען יעדע איינע פון זיי האָט זיך געמיט, אויפן סמך פון די דערגרייכטע פאָרש־רעזולטאַטן, צו פאָרמולירן איר אייגענעם סאָציאַל־פּאָליטישן פּראָגראַם. די דיסקוסיעס צווישן די דעמאָלט ניי אַנטשטאַנענע פּאַר־טייען, ס.ס., סיימיסטן, פּועלי ציון און פון זיי אַלע צוזאַמען מיטן בונד און די

רוסישע און פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען פול געווען מיט טעאָרע־טישע באַגרינדונגען, באַזירטע אויף וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען וועגן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אינעם לעבן פון די יידישע מאַסן, פאָרשונגען, וועלכע זענען אין יענע יאָרן נאָך געווען אין די וויקעלעך. גענוג דערביי בלויז צו דערמאָנען די ערשטע פאָרשונגען אויף דעם געביט פון דעם שפּעטערדיקן גרויסן מומחה י. לעשטשינסקי און די פאָרשונגען פון ב. באָראָכאָוו וועגן די יידישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אייגנאַרטיקייטן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעת וועלכער דאָס יידישע פאָלק אין אייראָפּע און ספּעציעל אין פּוילן האָט אַדורכגעמאַכט אַ שטורמישע אומוואַנדלונג, איז פאַר די יידישע מאַסן אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער פּראָבלעם פון געשטאַלטיקן אויפסניי זייער כלל־לעבן. ס'איז געווען אַ צייט, ווען די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּאָזיציעס האָבן זיך געבראָכן און די וואַנדערונג־מעגלעכקייטן זענען איינגעשרומפּן געוואָרן. אין דעם דאָזיקן תוהו ובוהו איז בויטיק געווען צו געפינען אַ קאָמפּאַס לויט וועלכן מען זאָל קענען פּלאַנמעסיק לענקען די פאַרשידענע אַנשטרענגונגען און קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען אין פאַרויס באַשטימטע ריכטונגען. דערצו האָט מען געדאַרפט קודם כל קענען דיווירקלעכקייט ווי זי איז, אויפדעקן די אָביעקטיווע פּראָצעסן, וואָס ווירקן אין דער יידישער געזעלשאַפט. מ'האָט געדאַרפט אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעך אויספאָרשן די יידישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אייגנאַרט, כדי צו קענען, אין ליכט פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן, אונטערנעמען פּראַקטישע מיטלען די ווירקלעכקייט צו ענדערן. דערצו האָבן זיך געגויטיקט פאָרש־אַרבעטן און פאָרשערס.

אין פעברואַר 1923 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין בערלין די צייטשריפט: „בלעטער פאַר אידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק". דערשינען זענען פון דער צייטשריפט בלויז 5 נומערן (פון 1923 ביז 1925). אין דער צייטשריפט האָבן אָנטיילגענומען אַ ריי אָנגעזעענע יידישע געלערנטע: עקאָנאָמיקער, סטאַטיסטיקער, דעמאָגראַפן פון דער גאָרער וועלט בראש מיט יעקב לעשטשינסקין (פּראָפ. ב. ברוצקוס, י. קאָראַלניק, פּראָפ. ל. הערש, א. מענעס, ע. ב. פרענק). ס'זענען אין איר פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַרשידענע זייער ערנסטע אַרבעטן איבער סאָציאַל־עקאָנאָמישע, סטאַטיסטישע, דעמאָגראַפישע יידישע טעמעס פון דער קעגנוואָרט און פון דער נאָענטער און אפילו וויטער פאַרגאַנגענהייט (צ. ב. די אַרבעט פון א. מענעס: „די סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטנישן ביי די יידן אין אַלטערטום");

ווען דער „ייוואָ" איז געגרינדעט געוואָרן האָט איר עקאָנאָמיש־סטאַ־

טיסטישע סעקציע אָנגעהויבן אַרויסגעבן „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַ־טיסטיק" אונטער דער רעד. פון יעקב לעשטשינסקי. דער ערשטער באַנד פון די „שריפטן" איז דערשינען אין בערלין (געדרוקט אין וואַרשע) אין יאָר 1928. אין דער הקדמה באַמערקט די רעדאַקציע, אַז „שריפטן זענען אַ המשך פון די בלעטער פאַר אידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק".

דער צווייטער באַנד „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק" איז דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1932 אונטערן נאָמען „עקאָנאָמישע שריפטן".

אין דעם ערשטן באַנד „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק" זענען אַריין 19 וויכטיקע אַרבעטן אויף יידישע סאָצ.־עקאָנאָמישע טעמעס, מערסטנ־טייל היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען. די באַטייליקטע זענען: א. מענעס, ד"ר י. ברוצקוס, ע. רינגעלבלום, יעקב שאַצקי, י. יאַפּע, פּנחס קאָן, י. קאַראַלניק, שמעון דובנאָוו, . מ. געלבער, ל. הערש און י. לעשטשינסקי, וועמעס גרעסערע אַרבעט הייסט: „די אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק פאַר די לעצטע הונדערט יאָר".

אויך דער צווייטער באַנד „עקאָנאָמישע שריפטן" אַנטהאַלט דער עיקר עקאָנאָמיש־סאָציאַלע געשיכטלעכע אַרבעטן. ס'באַטייליקן זיך אין אים י. שיפּער, ע. רינגעלבלום, ש. דובנאָוו, ב. ווײַנריב, ה. לאַנדוי און אַנדערע. פּראָפ. ל. הערש פאַרעפנטלעכט זיין באַוווּסטע אַרבעט „די פאַרברעכערישקייט ביי דער יידישער און נישט יידישער באַפעלקערונג אין דער פוילישער רעפּובליק", וואָס איז שפּעטער אויסגעברייטערט געוואָרן און דערשינען אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פון „ייוואָ".

פאַר דער צייט צווישןביידע וועלט מלחמות האָט י ע ק ב ל ע ש ט ש י נ ס ק י אַרויסגעגעבן אַ ריי אַרבעטן איבער יידישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע טעמעס: („דאָס אידישע פאָלק אין ציפערן" — 1922, „די אָנהויבן פון דער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע ביי אידן אין 19־טן יאָרהונדערט" — 1929, „צווישן לעבן און טויט" — צען יאָר יידיש לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד — 1930, „די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פוילן" — 1931, „דער יידישער חורבן נאָך דער וועלט מלחמה אין מזרח און צענטראַל אייראָפּע" — 1934, „די צאָל יידן אין דער וועלט" — 1936, „עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע פון יידן אין דייטשלאַנד און פוילן" — 1936). אויסער די אַרבעטן האָט נאָך לעשטשינסקי פאַרעפנטלעכט אַ סך אַנדערע קלענערע אַרבעטן און אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטן, דער עיקר אין די אויסגאַבעס פון „ייוואָ".

ד"ר א ר י ה ט אַ ר ט אַ ק אָ ו ו ע ר האָט אין דעם שוין פריער דערמאָנטן

קאַלעקטיוו ווערק: „די יידן אינעם נייגעבוירענעם פוילן" פאַרעפנטלעכט 3 וויכטיקע אַרבעטן. איינע: „די צאָל און די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן", די צווייטע: „די פראָפעסיאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע סטרוקטור פון די יידן אין נייגעבוירענעם פוילן„ די דריטע: „דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פוילן".

אין די יאָרן 1935—1936 האָט ד"ר טאַרטאַקאָווער פאַרעפנטלעכט אין לאָדזש צוויי אויפלאַגעס פון זיין סאָציאָלאָגישער אַרבעט אין העברעיש: „העם היהודי בזמננו". אין יאָר 1931 איז אין פּויליש „מיעסיענטשניק זשידאָווסקי" דערשינען ד"ר טאַרטאַקאָווערס אַרבעט: „דער פּראָבלעם פון דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פוילן" און אין יאָר 1935 איז אין דער זעלבער צייט־שריפט דערשינען זיין אַרבעט „די פּויפּעריזאַציע פון די פּוילישע יידן" (אין דער דאָזיקער וואָגיקער צייטשריפט האָט ד"ר א. טאַרטאַקאָווער פאַרעפנטלעכט נאָך אַ ריי אַנדערע אַרבעטן אויף יידישע געזעלשאַפטלעכע און סאָציאָלאָגישע טעמעס).

צו דערמאָנען אויך די לענגערע אַרבעט פון ד"ר טאַרטאַקאָווער „וועגן דעם מהות און די אויפגאַבעס פון אַ יידישער סאָציאָלאָגיע", וואָס איז דערשינען אין נומ. 8 פון די „ייוואָ בלעטער" (1935).

אין די „ייוואָ בלעטער" זענען אין משך פון דער גאַנצער צייט דער־שינען אַ ריי פאַרשידענע אַרבעטן אויף עקאָנאָמיש־סאָציאַלע טעמעס פון פאַר־שידענע מחברים.

אין דעצעמבער 1937 האָט די עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע סעקציע פון „ייוואָ" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ חודש־צייטשריפט „יידישע עקאָנאָמיק" אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב לעשטשינסקי. די צייטשריפט איז דערשינען ביזן חודש יוני 1939 אין ווילנע. זי האָט באַהאַנדלט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אָבער גלייכצייטיק פּאָפּולערן אופן אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן: פּראָבלעמען פון יידישע פּרנסות, פון יידישער אַרבעט אין דער גרויס־אינדוסטריע, פון דער לאַגע פון דער יידישער מלאכה, פון יידישן האַנדל, פון דער לאַגע פון יידישן אַרבעטער, באַלמעלאָכע, קליינעם סוחר, פון דער יידישער יוגנט, פון יידישן אַקאַדעמיקער, פון יידישער עמיגראַציע, פון אַנגרייפנדיקן אַנטיסעמיטיזם.

יעקב לעשטשינסקי האָט אין יעדן נומער (אויסער אין די גאָר לעצטע) פאַרעפנטלעכט לענגערע אַרבעטן אויף אַקטועלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע טעמעס. באַטייליקט זיך מיט אַרבעטן האָבן אין דער צייטשריפט אָנגעזעענע יידישע עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן פון פוילן און אויסלאַנד.

סטאַטיסטישע אַרבעטן האָבן אין דער „יידישער עקאָנאָמיק" פאַרעפנט־לעכט אויף פאַרשידענע טעמעס ה. שנער און מ. מירקין.

ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער האָט אין נומער 6—7 פון יאָר 1937 פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט איבער „דער יידישער אימיגראַציע קיין קאַנאַדע" און אין נומער 6—8 פון יאָר 1938 „וועגן דעם קריזיס פון דער יידישער אימיגראַציע קיין דרום־אַפריקע" (פּראָבלעמען, וואָס זענען אין יענע יאָרן געווען זייער אַקטועל פאַר די יידישע מאַסן אין פוילן).

אגב האָט ד"ר טאַרטאַקאָווער אין יאָר 1939 אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַן אַרבעט א. ט. „יידישע וואַנדערונגען" און אין זעלבן יאָר אַ פאַרגרעסערטע אויס־גאַבע פון דער אַרבעט אונטערן טיטל „יידישע עמיגראַציע און יידישע עמיגראַציע־פּאָליטיק".

אַ גאָר חשובן פּלאַץ האָט אין דער „יידישער עקאָנאָמיק" פאַרנומען מאַגיס־טער מנחם לינדער. ער האָט אין יעדן נומער פאַרעפנטלעכט וויכטיקע אַרבעטן: וועגן יידישער מלאכה אין ליטע, וועגן יידישער אַרבעט אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (אין צוזאַמענאַרבעט מיט ה. שנער), וועגן די יידישע וואַנדע־רונגען פאַר די לעצטע צען יאָר (אַרויס אויך אין אַ סעפּאַראַט־אָפּדרוק).

אין לעצטן נומער פון „יידישע עקאָנאָמיק" — אַפּריל—יוני 1939 — האָט מ. לינדער אָפּגעדרוקט אַ לענגערע אַרבעט איבער דער געאָגראַפישער און עקאָ־נאָמישער איינטיילונג פון יידישן וואַרשע. דער אַרטיקל טראָגט דעם נאָמען „דאָס יידישע געטאָ אין וואַרשע".

צי איז עס ביים הויך־טאַלאַנטירטן מחבר געווען אַ פאָרויסאָנונג פון דעם שפּעטערדיקן אמתן געטאָ אין וואַרשע, אין וועלכן ער אַליין האָט געשפּילט אַזאַ אויסערגעוויינלעך וויכטיקע ראָל ביים אויפזאַמלען — צוזאַמען מיט עמנואל רינגעלבלומען — דעם אונטערדישן געטאָ אַרכיוו אונטער דער מאַסקע פון „עונג שבת", און אין וועלכן ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן אין עלטער פון דרייסיק יאָר?

## שפּראַך־פאָרשונג, פאָלקלאָר, ליטעראַטור און טעאַטער־געשיכטע

מ'קען אָננעמען, אַז די יידישע מאָדערנע שפּראַך־פאָרשונג האָט זיך אָנגע־הויבן פון דעם דערשיינען פון „דער פּנקס" — יאָהרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע,

אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, תרע״ג). אין דער דאָזיקער עפּאָכע־מאַכנדיקער אויסגאַבע האָט ב. באָראָכאָוו פאַרעפנטלעכט צוויי גרינטלעכע פאָרש־אַרבעטן, וואָס האָבן דעם מחבר זייערן גלייך באַרימט געמאַכט ווי אַ פּיאָנער פון דער יידישער שפּראַך־פאָרשונג. די אַרבעטן זענען געווען: „די אויפגאַבן פון דער יידישער פילאָלאָגיע״ און „די ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג — פירהונדערט יאָר יידישע שפּראַך־פאָרשונג״.

באָראָכאָוו ווייזט זיך אין זיינע אַרבעטן אַרויס ווי אַ רייפער פאָרשער, וואָס זוכט צו דערגיין דעם וויסנשאַפטלעכן אמת, פאַרפאָלגט אָבער צוגלייך אַ נאַציאָנאַלע אידעע. ער שטרעבט די יידישע שפּראַך צו „נאַציאָנאַליזירן״ און „הומאַניזירן״. נאַציאָנאַליזירן יידיש, מאַכן זי פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך ד. ה. רייניקן און באַרייכערן זי אַזוי ווייט, זי זאָל קענען אויסדריקן אַלע דערשיינונגען פון יידישן שאַפן. הומאַניזירן די שפּראַך הייסט מאַכן פון איר אַ כלי־זיין אויף אַריינצונעמען אינעם יידישן פאָלק אַלע קולטור־ווערטן פון דער מאָדערנער אַלמענטשלעכער אַנטוויקלונג. „די יידישע פילאָלאָגיע דאַרף העלפן דערצו, אַז די יידישע שפּראַך זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־מיטל און אַ בילדונגס־מיטל פאַרן פאָלק און פאַר דער אינטעליגענץ״. דערמיט האָט באָראָכאָוו קלאָר אָנגעדייט די אויפגאַבן פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען.

איינער פון די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער יידישער פילאָלאָגיע, דיאַלעקטאָלאָגיע און פאָלקלאָר־זאַמלונג איז נח פּריל וצקי, וועלכער האָט אין יאָר 1912 דער ערשטער אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן אָרגאַן פאַר יידישער פילאָלאָגיע: „נח פּרילוצקיס זאַמעלביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע״ (נייער פאַרלאַג, וואַרשע). דער צווייטער באַנד פון די „זאַמעל־ביכער״ איז דערשינען אין יאָר 1917.

דער ערשטער באַנד פון די „זאַמעלביכער״ איז אַרויס ביי דער מיטאַרבעט פון שמואל לעהמאַן, וואָס האָט שוין זינט 1902 גענומען פאַרשרייבן ווערטלעך, שפּריכווערטער, לידער פון הויפזינגער. אין אָט דעם ערשטן באַנד „זאַמעלביכער״ האָט ש. לעהמאַן פאַרעפנטלעכט ווערטער און שפּריכווערטער וועגן שטעט און שטעטלעך. נ. פּרילוצקי האָט אין דעם באַנד פאַרעפנטלעכט פּורים־שפּילן און אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם ד״ר משה מאַרקוזע „אַ יידישיסט פון 18־טן יאָרהונדערט״.

כדאי צו דערמאָנען, אַז אַ יאָר פריער, ד. ה. אין יאָר 1911 האָט שוין נח פּרילוצקי אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך יידישע פאָלקסלידער (פאַרלאַג „ביכער פאַר

אַלע״): רעליגיעזע און יום טובדיקע, לידער און מעשהלעך פון טויט.

אין יאָר 1920 איז אַרויס די צווייטע העלפט פון צווייטן באַנד „נ. פּרילוצקיס זאַמעלביכער״ און אין יאָר 1921 דערשיינען פּרילוצקיס „יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען״ (לויט זיין אָריגינעלער אָרטאָגראַפיע). נח פּרילוצקי האָט דער ערשטער אַוועקגעשטעלט דעם פּראָבלעם פון יידישע דיאַלעקטן. ער האָט געשטרעבט איבערצוגעבן געגוי די ניואַנסן פון די פאַרשידענע רעדנסאַרטן און געפּרוווט צו קלאַסיפיצירן די דיאַלעקטן אין דריי הויפּט־קאַטעגאָריעס: מזרח־יידיש, מיטל־יידיש און מערב־יידיש.

פון דער דאָזיקער גרויסער סעריע: „יידישע דיאַלעקטאָלאָגישע פאָרשונגען״ איז אין יאָר 1917 דערשינען „דער יידישער קאָנסאָנאַנטיזם״, אין יאָר 1920 — „צום יידישן וואָקאַליזם״, אין 1921 — „דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַלעלן און באַמערקונגען״, אין יאָר 1924 — „מאַמע־לשון״ באַנד 1 (דער צווייטער באַנד א. נ. „דיאַלעקטאָלאָגישע פּאַראַרבעטן״ איז שוין דערשינען אין יאָר 1937, אַרויסגעגעבן דורך דעם „ייוואָ״).

אין יאָר 1923 גייט אַרויס אין וואַרשע אין פאַרלאַג קולטור־ליגע נ. פּרילוצקיס בוך „דאָס געוועט״, וואָס איז אַן אומגעהויערער אוצר פון יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע, ביבליאָגראַפיע און קולטור־געשיכטע.

אין יאָר 1924 הויבט נח פּרילוצקי אָן אַרויסצוגעבן, צוזאַמען מיט מ. וויינרייך און ז. רייזען, דעם זשורנאַל: „יידישע פילאָלאָגיע״ (צווייחודשדיקע בלעטער פאַר שפּראַכוויסנשאַפט און עטנאָגראַפיע) — אין פאַרלאַג קולטור־ליגע. פון דער „יידישער פילאָלאָגיע״ זענען דערשינען דריי ביכער (באַנד איינס—צווי, באַנד דריי און באַנד 4—6). דאָס לעצטע בוך פון די דריי (ד. ה. באַנד 4—6) איז דערשינען אין יאַנואַר 1926 מיט דער אונטערשטיצונג פון „ייוואָ״.

פון דאַן אָן הויבט זיך אָן די רעגולערע אַרבעט פון דער פילאָלאָגישער סעקציע ביים „ייוואָ״, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „פילאָלאָגישע שריפטן״.

דער ערשטער באַנד פון די „פילאָלאָגישע שריפטן״ איז געווען דאָס „לאַנדוי־בוך״, דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1926, מיט 41 אַרבעטן און אַרטיקלען אויף פאַרשידענע פילאָלאָגישע און פאָלקלאָר־טעמעס. אין דער אויסגאַבע האָבן זיך צוו. אַנד. באַטייליקט: ד״ר אַלפרעד לאַנדוי, ד״ר בערנהאַרד וואַכשטיין, דניאל לייבל, ד״ר שלמה בירנבוים, יודאַ יאַפע, מאַקס עריק, ז. קלמנאָוויטש, ד״ר י. שאַצקי, מ. וויינרייך, ע. רינגעלבלום, נח פּרילוצקי, זלמן רייזען.

דער צווייטער באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן״ („געהייליקט דעם אָנדענק פון

דעם בויער פון דער יידישער פילאָלאָגיע בער באָראָכאָוו צו זיין צענטן יאָרצייט, דעצעמבער 1927) איז דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1928. דער באַנד איז איינגעטיילט אין ניין טיילן: ליטעראַטור־געשיכטע, טעאַטער־געשיכטע, פאָלקלאָר, לעקסיקאָלאָגיע און עטימאָלאָגיע, דיאַלעקטאָלאָגיע, וואָרטבילדונג און סינטאַקסיס, פאָנעטיק, געשיכטע פון יידיש, ביבליאָגראַפיע. אַ חוץ אַ סך פון די באַטייליקטע אין דעם ערשטן באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן", דערשיינען אינעם נייעם באַנד נייע מיטאַרבעטער: ש. גינזבורג, ד"ר ישראל ציננבערג, נ. שטיף, ד"ר א. ראָבאַק, ד"ר חיים ספּיוואַק, ד"ר רודאָלף גלאַנץ און אַנדערע.

דער דריטער באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן", דערשינען אין ווילנע אין יאָר 1929, אַנטהאַלט אַרבעטן און אַרטיקלען איבער: ליטעראַטור־געשיכטע, טעאַטער־געשיכטע, געשיכטע פון דער יידישער פילאָלאָגיע, לעקסיקאָלאָגיע און עטימאָלאָגיע, וואָרטבילדונג און סינטאַקסיס, פאָלקלאָר, ביבליאָגראַפיע. די ניי באַטייליקטע אין אים זענען: יצחק ריווקינד, משה שטאַרקמאַן, מנשה אונגער, א. זאַרעצקי, פּראָפעסאָר יעווגעני קאַגאַראָוו, פּראָפ. י. צאָללער.

דער פערטער באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן", דערשינען אין יאָר 1930, איז אינגאַנצן געווידמעט דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און טראָגט דעם נאָמען „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע" — ייד. וויסנ. אינסטיטוט, טעאַטער־מוזיי א"נ פון אסתר רחל קאַמינסקי, ערשטער באַנד — רעדאַקטאָר ד"ר יעקב שאַצקי.

דער פיפטער באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן", דערשינען אין יאָר 1938 אין ווילנע, הייסט „יידישער פאָלקלאָר". ער איז רעדאַגירט דורך י. ל. כהן, וואָס איז געווען „דער באַלעבנדיקער גייסט און דער בעל דעה אין דער אַרבעט פון דער פאָלקלאָר־קאָמיסיע פון דער פילאָלאָגישער סעקציע ביים „ייוואָ", און אַנטהאַלט: לידער, מעשיות און מסורות, וויצן און וויציקע מעשהלעך, פורים־שפּילן סימנים און סגולות.

אויסער די „פילאָלאָגישע שריפטן" האָט די פילאָלאָגישע סעקציע פונעם „ייוואָ" אַרויסגעגעבן זינט מערץ 1938 אַ חודש־זשורנאַל „יידיש פאַר אַלע" אונטער דער רעדאַקציע פון נח פּרילוצקי. דער לעצטער נומער פון דעם זשורנאַל איז דערשינען אין חודש יולי 1939. אַ חוץ דעם רעדאַקטאָר גופא האָבן אין דעם זשורנאַל מיטגעאַרבעט זלמן רייזען, אהרן צייטלין, יודל מאַרק, יודאַ א. יאַפע, מאַקס ווײנרייך, זעליג קלמנאָוויטש און אַ סך אַנדערע. זייערע אַרטיקלען זענען געווען געווידמעט פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן רייניקן און נאָרמאַליזירן די יידישע שפּראַך.

אויך אין די „ייוואָ־בלעטער" זענען אין משך פון די 8 יאָר פון זייער דער־שיינען געווען פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע אַרטיקלען וועגן יידישער פילאָלאָגיע און ליטעראַטור־געשיכטע.

אויפן געביט פון יידישער פילאָלאָגיע, ליטעראַטור־געשיכטע און פאָל־קלאָר איז כדאי נאָך צו פאַרצייכענען פאָלגנדיקע אַרבעטן דערשינענע אין בוך־פאָרם:

מאַקס ווײַנרײַך: „שטאַפּלען" — 4 עטיודן צו דער יידישער שפּראַכ־וויסנשאַפט און ליטעראַטור־געשיכטע (פאַר, וואָסטאָק, בערלין, 1923), „שרייב אָן גרייזן" אַ האַנטביכל פאַר אַלע, וואָס ווילן ריכטיק אויסלייגן יידיש און ספּעציעל די העברעישע עלעמענטן אין דער יידישער שפּראַך (אין 2 נוסחאות: פאַרן יידישן דיאַלעקט און פאַרן פוילישן דיאַלעקט) ווילנע 1926, „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע פון די אָנהייבן ביז מענדעלע מוכר־ספרים", פאַר. „טאָמאַר" ווילנע 1928, „אַ פּראַקטישע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך" (צוזאַמען מיט פאָלק הײַלפּערין (צוויי טײַלן, ווילנע 1928—1929), „די שוואַרצע פּינטעלעך — אַן אילוסטרירטע געשיכטע פון דער קונסט פון שרײַבן" „ייוואָ", ווילנע 1939.

מאַקס עריק: „קאָנסטרוקציע־שטודיען" — פאַרל. אַרבעטער היים, וואַרשע 1924; „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע — 14־טער און 16־טער יאָרהונדערט" — פאַרלאַג „דער וועג צום וויסן" פון מאיר רייז וואַרשע קאָוועל 1926; „די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה, פערצנטער־אַכצנטער־יאָרהונדערט" פ"ג קולטור־ליגע וואַרשע 1928.

הרב יהודה לייב זלאָטניק (יהודה עלזעט): „דער וווּנדער־אוצר פון דער יודישער שפּראַך" אין 4 בענד: 1. דאָס דאַווענען 2. יודישע מאכלים 3. מלאכות און בעלי מלאכות 4. דער מענטשלעכער קערפּער. פ"ג לעווין עפּשטיין וואַרשע 1918. דאָס זענען וואָגיקע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, אויפן יסוד פון אַ גרויסן צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל פון יידישע רעדנס־אַרטן, גלייכווערטלעך, אַנעקדאָטן, גענומענע פונעם מויל פון פאָלק און פון דער יידישער ליטעראַטור. דער מחבר ווייזט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכע באַהאַווּנטקייט אין אַלע יידישע מנהגים און טראַדיציעס, אין לעבנס־שטייגער און געפינט זייער מקור דער עיקר אין דער רעליגיע.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן די גאָר וויכטיקע אויסגאַבע „ביי אונז יודען" זאַמעלבוך פאַר פאָלקלאָר און פילאָלאָגיע אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ל. קאַוואַ (מ. וואַנווילד) ביי דער מיטאַרבעט פון י. טריוואַקס (גנבים, כלי זמר און בעל עגלה־זשאַרגאָן), שמעון שפּיגעל, יהודה עלזעט (אידיאָטיזמען) און

נח פרילוצקי, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1923 אין פֿאַרלאַג פּנחס גראַובאַרד.

און צום סוף זאָל פֿאַרצייכנט ווערן דער 4־בענדיקער לעקסיקאָן פֿון זלמן רייזען: „לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע" (צווייטע אינגאַנצן איבערגעאַרבעטע, פֿאַרבעסערטע און פֿאַרפֿולשטענדיקטע אויס־גאַבע), וואָס איז דערשינען אין 4 בענד (1־טער באַנד — 1926, 2־טער באַנד — 1927, 3־טער און 4־טער באַנד — 1929). ב. קלעצקין פֿאַרלאַג, ווילנע. די ערשטע אויסגאַבע פֿון דעם דאָזיקן לעקסיקאָן איז דערשינען אין איין באַנד אין יאָר 1914 (אין צענטראַל־פֿאַרלאַג אין וואַרשע) א. ב. „לעקסיקאָן פֿון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע" און איז דאַן דורך באַראַכאָוון (אין זיינער אַ רעצענזיע וועגן דעם ווערק) באַצייכנט געוואָרן ווי „אַ ספר הזכרון פֿון דער יידישער ליטעראַטור". די דאָזיקע טרעפֿלעכע באַצייכענונג איז נאָך מער אָנגעמאָסטן פֿאַר דער שפּעטערדי־קער פֿיר־בענדיקער אויסגאַבע.

## פּסיכאָלאָגיע, פּעדאַגאָגיק

מיטן אויפֿקום און מיט דער אַנטוויקלונג פֿונעם יידישן שול־וועזן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט זיך געגומען פֿילן אַ באַדערפֿעניש אין פֿאָרש־אַרבעטן אויפֿן געביט פֿון פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק.

כדאַי צו דערמאָנען די אַרבעטן פֿון ד״ר ישראל רובין אויף די געביטן: „קינד און דערוואַקסענער — פּסיכאָלאָגישע שטודיע" — ווילנע 1925, „דעפֿעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור" — ווילנע 1927, „די פּסי־כאָפֿיזישע אַנטוויקלונג פֿון מענטשן פֿון וויג ביז צום יוגנט־עלטער" — וואַרשע 1927, „פּעסטאַלאָצי אַלס פּעדאַגאָג און פֿילאָזאָף" — וואַרשע 1928.

ד״ר פֿישל שניאורסאָן, וועלכער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט אין דער ברייטער וועלט מיט זיינע פּסיכאָלאָגישע פֿאָרשונגען, האָט אין יאָר 1927 אַרויסגעגעבן אין ב. קלעצקין פֿאַרלאַג אין ווילנע זיין ווערק: „דער וועג צום מענטש. די יסודות פֿון מענטש־וויסנשאַפֿט און די לערע פֿון נערוועישקייט". כדאַי צו דערמאָנען זיין בעלעטריסטיש ווערק: „חיים גראַוויצער — די געשיכטע פֿון דעם געפֿאַלענעם" (פֿון דער חבדישער וועלט), וואָס איז דערשינען אין בערלין אין יאָר 1926.

„די „צענטראַלע יידישע שולאָרגאַניזאַציע" האָט אַרויסגעגעבן פּעריאָדישע אויסגאַבעס פֿאַר לערערס, שילערס און עלטערן, וואָס האָבן באַהאַנדלט פּסיכאָלאָגישע

און פעדאַגאָגישע פּראָבלעמען: „די „נייע שול" (חודש־זשורנאַל), „שול און לעבן", „שול און היים" (עלטערן־זשורנאַל), „דער חבר", „גריבינקע ביימעלעך" (רעד. ש. באַסטאָמסקי).

אין יאָר 1928 איז געגרינדעט געוואָרן די יינגסטע סעקציע ביים „ייוואָ": די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַהאַנדלען די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע ענינים, וואָס זענען נוגע דעם יידישן קינד.

אין יאָר 1933 האָט די פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע סעקציע פונעם „ייוואָ" אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד „שריפטן פאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק". אין דער הקדמה צו דעם באַנד האָט דער רעדאַקטאָר לייבוש לעהרער, דער וויסנ־שאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער סעקציע, אָנגעוויזן, אַז איינע פון די אויפגאַבעס פון דער סעקציע איז צונויפצוזאַמלען אויף איין אָרט וואָס מער יידישע פאָרשערס, וואָס לעבן אָדער זענען גרייט זיך אַריינצולעבן אין דער יידישער קולטור־ספערע און זי באַרייכערן מיט זייער אַרבעט.

אין דעם ערשטן באַנד „שריפטן פאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק" זענען שוין צונויפגעזאַמלט וויכטיקע אַרבעטן פון 17 געלערנטע און פאָרשערס: ד"ר א. קאָוואַרסקי, פּראָפ. קורט לעווין, לייבוש לעהרער, פּראָפ. פישל שניאורסאָן, ש. לעווין, ד"ר וו. עלאַסבערג, י. בערנשטיין, ד"ר י. בראַס, א. גאָלאָמב, י. שטערן, ד"ר י. רובין, ד"ר י. שאַצקי, ז. רייזען, ד"ר לובינסקי, מ. סאַכאַר, י. אַנילאָוויטש, מ. יאַפע.

דער צווייטער באַנד „שריפטן פאַר פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק", וועלכן די סעקציע האָט געהאַט צוגעגרייט צום דרוק, האָט שוין צוליבן מלחמה־אויסברוך נישט באַוויזן צו דערשיינען.

לאָמיר נאָך דערמאָנען די וויכטיקע אַרבעט פון מאַקס ווײַנרײַך: „דער וועג צו אונדזער יוגנט, יסודות, מעטאָדן פּראָבלעמען פון יידישער יוגנט־פאָרשונג", אַרויסגעגעבן דורכן אָפּצווייג פאַר יוגנט־פאָרשונג פון ייוואָ אין 1935.

## ביכער־פאַרלאַגן, איבערזעצונגען, און ביכער־פּראָדוקציע

אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל אינעם יידישן קולטור־לעבן אין פוילן האָבן געשפּילט די פאַרלאַגן. בלויז אַ טייל פון זיי זענען געווען ריין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָבער אויך די אַנדערע, די פּריוואַטע, האָבן פאַקטיש געטראָגן

אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, נישט זייענדיק אויסגערעכנט אויף פּראָפיט נאָר בעיקר אויף אויסצופילן אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכע פונקציע.

לאָמיר דאָ אויסרעכענען די וויכטיקסטע פון די פאַרלאַגן:

ב. קלעצקין, קולטור־ליגע, די וועלט, יידיש־בוך, נייע קולטור, שימין, ש. יאַטשקאָווסקי — שפּעטער (פון יאָר 1925) ח. בזשאָזאַ, ביכער־וועלט (פון דער אַמאָליקער קולטור־ליגע און ח. בזשאָזאַ), ש. גאָלדפאַרב, קינדער־פריינד, ביבליאָ־טעק מאַרק ראַקאָווסקי, ליטעראַרישע בלעטער, ייוואָ, י. א. צוקער, נ. שאַפּיראָ, מ. יערוכעמזאָן, פּנחס גראַובאַרד א. גיטלין, צענטראַל, ז. שקליאַר, ליטעראַטור, הוטנער, כחות, מ. י. פרייד, טאָמאָר, ש. שיינבערג, ליטעראַטן־פאַריין.

ס'איז כדאי ספּעציעל אונטערצושטרייכן איינעם פון די גרויסע פאַרדינסטן פון אַ גרויסן טייל פון די פאַרלאַגן: דאָס איז דאָס אַרויסגעבן איבערזעצונגען אויף יידיש פון די וויכטיקסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַזוי זענען דערשינען איבערזעצונגען פון אַ סך קלאַסיקער פון דער רוסישער, פּוילישער, דייטשישער, פראַנצויזישער, ענגלישער, סקאַנדינאַווישער און אַנדערע ליטעראַטורן ווי אויך פון ניי־דערשיינונגען אין די פאַרשידענע ליטעראַטורן, אין דער בעלעטריסטיק און אויך אין דער דיכטונג. אויך ביכער מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט אויף פאַרשידענע געביטן (געשיכטע, פילאָזאָפיע, סאָציאַלע וויסנשאַפט און נאַטור־וויסנ־שאַפט) זענען אין אַ יידישער איבערזעצונג צוגעטראָגן געוואָרן דעם יידישן לייע־נער, פאַר וועלכן ס'איז אויף אַזאַ אופן געעפנט געוואָרן די וועלט מיט אירע קולטור־אוצרות. אַזוי איז הן אין אָריגינעלע שאַפונגען אין יידיש, הן אין איבער־זעצונגען מקוים געוואָרן דער חלום פון די ראשונים פון דער יידישן קולטור־רענעסאַנס: צו קענען באַרירן אַלע וויסנשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע פּראָב־לעמען אין דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

וואָס שייך דער ביכער־פּראָדוקציע, וועלן מיר אָנגעבן בלויז איין ציפער. אין יאָר 1929 זענען אין פּוילן דערשינען 622 ביכער אין יידיש, וואָס האָבן אויס־געמאַכט מער ווי 60 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער ביכער־פּראָדוקציע אין דער וועלט, ווו ס'זענען אין יענעם יאָר דערשינען צוזאַמען 1021 ביכער (פון זיי 224 אין ראַטנפאַרבאַנד, 102 אין אַמעריקע, 13 אין אַרגענטינע, 7 אין ישראל און 53 אין אַנדערע לענדער).

די דאָזיקע ציפער נעמט, פאַרשטייט זיך, נישט אַריין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס אויף די פאַרשידנסטע געביטן, וואָס זענען אין דעמזעלבן יאָר דער־גאַנגען אין פּוילן צו 92, נישט אַריינרעכענענדיק די 19 טאָג־צייטונגען.

# ביבליאָטעקן

איינער פון די כאַראַקטעריסטישסטע שטריכן פון דער יידישער מאַסע אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות איז געווען איר דורשט נאָך וויסן. דאָס לייענען און לערנען איז ביי איר געווען זייער פאַרשפּרייט. באַזונדער פאַר־כאַפּט מיטן דראַנג נאָך בילדונג איז געווען די יוגנט. נישט נאָר די שול־יוגנט פון אַלע עלטערס, נייערט אויך די אַרבעטער־יוגנט און אפשר טאַקע זי אין דער ערשטער ריי האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט לייענען, פילנדיק, אַז זי האָט צו דעריאָגן דאָס וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו דערווערבן דורכן רעגולערן שול־לערנען. האָט דאָך דער ווייט גרעסטער טייל פון די יוגנטלעכע נישט געהאַט די זכיה צו באַזוכן אַ מיטל־שול און זיך געמוזט באַנוגענען מיט די עטלעכע יאָר פאָלקס־שול (פּוילישע צי יידישע) אָדער גאָר חדר, נאָך וועלכע ער איז גלייך אַוועק „אויף דער לער”, כדי וואָס שנעלער צו קענען מיט זיין אַרבעט אויסהאַלטן זיך גופא און אויך אַרויסהעלפן די משפחה זיינע, וואָס האָט זיך אָפט גענויטיקט אין זיין מאָגערן פאַרדינסט.

געשטויסן די יוגנט צו לייענען און צו בילדן זיך האָט אויך איר אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איר צוגעהעריקייט צו פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און פּאָלי־טישע פּאַרטייען (וואָס איז געווען אַזוי פאַרשפּרייט), ווו דאָס גייסטיקע אויסלעבן זיך פון די אָנגעהעריקע האָט פון זיי געפאָדערט כסדרדיקע פאַרפולקאָמונג.

נישט איין פאָלקס־אינטעליגענט, וואָס איז אויף דער שול־באַנק געזעסן בלויז אין חדר, האָט זיין אָפט מאָל היפשן וועלטלעכן אינטעלעקטועלן באַגאַזש דערוואָרבן אין גאַנצן אַליין דורך לייענען און זעלבסטבילדונג. דער טיפ פונעם בחור אָדער פון מיידל, וואָס איז נאָך אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע און אָפט ווי אַ צולאָג נאָך אַן אָוונט אַ פאַרבראַכטן אויף אַ פאַרזאַמלונג, אַ זיצונג אָדער אויף אַ רעפעראַט, געזעסן ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט איבער אַ בוך, ביי אַ נאַכט־לעמפּל אָדער גאָר ביי אַ ליכטל (ספּעציעל אין די קליינע שטעטלעך), האָט נישט געהערט צו די אויסנאַמען.

אין די גרעסטע צאָל פאַלן זענען אַזעלכע ביכער אויסגעבאָרגט געוואָ־ן אין ביבליאָטעקן, מחמת קויפן אַ בוך האָט זיך נישט יעדער געקענט דערלויבן.

די צאָל יידישע ביבליאָטעקן אין פּוילן איז געווען אַ היפּשע. זיי זענען געווען פון פאַרשידענע סאָרטן: געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע. אויסער די גאָר גרויסע, וואָס יעדע איינע פון זיי האָט פאַרמאָגט צענדליקער טויזנטער ספרים און ביכער, כתב־ידן, דאָקומענטן און אַנדערע וויכטיקע קולטור־אוצרות, האָבן עקזיסטירט

ביבליאָטעקן ביי אַ גאַנצער ריי פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס ווי פּאַרטייען, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־אָרגאַני־זאַציעס, קלובן, פאָלקס־שולן, מיטל־שולן. אַ חוץ דעם זענען איבערן לאַנד געווען צעשפּרייט הונדערטער פּריוואַטע יידישע ליי־ביבליאָטעקן, וואָס ביי אַ טייל פון זיי איז די צאָל ביכער דערגאַנגען ביז אַ פּאָר צענדליק טויזנט. דערביי ווערן, פאַרשטייט זיך, נישט דערמאָנט די אַלמערס און פּאָליצעס ספרים אין די בתי־מדרשים און ישיבות, וואָס האָבן אומעטום געבילדעט אמתע ביבליאָטעקן.

עס זענען געווען אין פּוילן, ערב דעם חורבן, 251 יידישע ביבליאָטעקן, וואָס איטלעכע פון זיי האָט פאַרמאָגט אַ מינימום פון טויזנט ביכער אין יידיש, העברעיש און פּויליש ווי אויך אין אַנדערע שפּראַכן. די אַלגעמיינע צאָל ביכער אין די ביבליאָטעקן איז דערגאַנגען ביז 1.650.000 עקזעמפּלאַרן.

די דאָזיקע צאָל ביבליאָטעקן איז וויט נישט קיין פולע, מחמת ס׳זענען אויסער זיי געווען נאָך אַ סך הונדערטער ביבליאָטעקן מיט ווייניקער ווי טויזנט בענד. זיי האָבן עקזיסטירט אין אַלע שטעט און שטעטלעך און זייערע צאָל ווערט געשאַצט אויף איבער 1500. דערביי ווערן נישט אַריינגערעכנט די פּריוואַטע זאַמלונגען.

וואַרשע אַליין האָט אין יאָר 1934 פאַרמאָגט איבער 50 יידישע ביבליאָטעקן, וואָס האָבן באַדינט יידישע לייענער און פאַרמאָגט לכל הפחות אַן אָפּטיילונג פון יידישע אָדער העברעישע ביכער אָדער ביידע צוזאַמען.

אַ צווייפשטעל פון 50 פון די ביבליאָטעקן, פון וועלכע 40 זענען געווען געזעל־שאַפטלעכע און 10 פּריוואַטע ליי־ביבליאָטעקן, ווייזט אויף, אַז זיי האָבן צוזאַמען פאַרמאָגט 265.346 ביכער. פון זיי זענען געווען 67.442 יידישע, 134.522 העברעישע, 134.264 פּוילישע און 38.108 אין אַנדערע שפּראַכן.

צווישן די 40 געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן איז געווען די יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער גרויסער סינאַגאָגע, 13 אַרבעטער־ביבליאָטעקן — פון זיי די גרעסטע: די „גראָסער־ביבליאָטעק" מיט 20.000 עקזעמפּלאַרן, די ביבליאָטעק „דאָס לעבן" (דזשעלנע 32) אונטער דער השפּעה פון די קאָמוניסטן, מיט 12.900 עקזעמפּלאַרן, די „באָראָכאָוו־ביבליאָטעק" פון די לינקע פּועלי־ציון מיט 4.000 עקזעמפּלאַרן, וואָס איז נאָך פאַר דער מלחמה פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וועלכע האָט די ביכער קאָנפיסקירט און פאַרברענט. אויסער די דריי גרעסערע זענען נאָך געווען 10 קלענערע אַרבעטער־ביבליאָטעקן: 3 בונדישע, 3 פּועלי ציוניסטישע און 4 קאָמוניסטישע.

11 ציוניסטישע ביבליאָטעקן: די וויכטיקסטע ביים „מרכז" מיט 3000 ביכער,

4 ביי די פאַרשטעט־סניפים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (מאָקאָטאָוו, פּאָוואָנ־זעק, טשערניאַקאָוו און פּעלצאָוויזנע) און 6 ביי די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס („התחיה", „עקיבא", „גורדוניה", „הנוער הציוני", „החלוץ", „החלוץ הצעיר").

6 פאַריין־ביבליאָטעקן: ביי דער „קעגנזייטיקער הילף פון קאָמיוואָיאַ־זשאָרן" מיט 6.500 ביכער, ביי דער „קעגנזייטיקער הילף פון סוחרים" (אָרלע 6) מיט 5.336 ביכער, ביים דרוקער־פאַריין מיט 4.000 ביכער. דער אַרטיסטן־פאַריין, דער „צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד" און דער ליטעראַטן־פאַריין האָבן פאַרמאָגט קלענערע ביבליאָטעקן.

די 10 פּריוואַטע יידישע ליי־ביבליאָטעקן אין וואַרשע האָבן צוזאַמען פאַרמאָגט 152.500 ביכער, דאָס הייסט קאַרגע 60 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל עקזעמפּלאַרן אין אַלע 50 דערמאָנטע ביבליאָטעקן. דאָס איז קיין וווּנדער נישט, מחמת דאָס אויסלייען אין די פּריוואַטע ביבליאָטעקן איז געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן דעם יידישן לייענער־עולם, וואָס האָט ממש געשלונגען ביכער.

אַ חוץ זיי דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די צענדליקער ביבליאָטעקן אין די פאָלקס־שולן און מיטל־שולן, אין וועלכע ס'האָבן זיך וואַרשיינלעך געפונען אַן ערך 30.000 ביכער. מען קען דעריבער לייכט אָננעמען, אַז אין די געזעלשאַפט־לעכע, פּריוואַטע און שול־ביבליאָטעקן פון יידישן וואַרשע האָבן זיך געפונען איבער 300.000 ביכער.

פון די איבער 400 שטאָטישע יידישע ישובים וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבער דעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן, האָט יעדער איינער פון זיי, אפילו דער קלענסטער, פאַרמאָגט איינע אָדער עטלעכע ביבליאָטעקן, וואָס האָבן זיך מערסטנס געפונען ביי געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס: פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פּאָליטישע פּאַרטייען, קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אָט די ביבליאָטעקן האָבן אויך געדינט ווי דער צענטער פון דער קולטורעלער און פּאָליטישער טעטיקייט צווישן די מאַסן. אין זייערע לאָקאַלן פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן און דיסקוסיע־אָוונטן. אַ דאַנק זיי האָט די מאַסע געלייענט, געלערנט, דערוואָרבן באַוווּסטזיין און זיך דערהויבן געזעלשאַפטלעך.

די ביבליאָטעקן זענען אויך געווען דער הויפּט־קאַנאַל, דורך וועלכן די יידישע ליטעראַטור, אַזוי גוט די פּאָעזיע ווי די פּראָזע, איז באַקאַנט געוואָרן דעם יידישן לייענער. דער דורשט צו לייענען שיינע ליטעראַטור און הנאה האָבן פון איר איז ביים יידישן לייענער־עולם נישט קלענער געווען ווי דער דורשט נאָך וויסן. און וואָס מער וויסן אַ לייענער האָט דערוואָרבן, אַלץ מער איז ביי אים אַנטוויקלט געוואָרן דער אינטערעס און די פאַרשטענדעניש פאַר ליטעראַטור,

אַלץ אַ גרעסערער מבין אויף איר און אַלץ אַ געטרייערער לייענער אירער פלעג ער ווערן. אין דער הינזיכט האָבן דוקא די קלענערע און גאָר קליינע ביבליאָטעקן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די הונדערטער אין די שטעט און שטעטלעך, אויס־געפירט אַ גאָר וויכטיקע קולטור־שליחות.

ס׳איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די גרעסערע געזעלשאַפטלעכע יידישע ביבליאָטעקן צוליב זייער גרויסן פאַרנעם און צוליב דער וויכטיקער ראָלע, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון פּוילישן יידנטום.

די יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער גרויסער סינאַגאָגע (טלאָמאַצקע 5), געגרינדעט אין יאָר 1860, האָט האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַר־מאָגט אַן ערך 36.000 ביכער, פון וועלכע 25.000 אויף העברעיש און יידיש און 11.000 יודאַיקאַ און פרעמדע שפּראַכן ווי אויך 150 מאַנוסקריפּטן.

די באַרימטע סטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע, געגרינדעט אין יאָר 1886, (הויפּט־ביבליאָטעקאַר דער באַוווסטער חייקל לונסקי), האָט אַנטהאַלטן 35.000 ביכער, צווישן זיי 150 כתב יד׳ן און 5 אינקונאַבלען געדרוקטע ביזן יאָר 1500. פון די 35.000 ביכער האָבן אַ העלפט געהערט צו דער רבנישער ליטעראַטור. 8.000 זענען געווען השכלה־ביכער, 5.000 יידישע ביכער און 3.000 יודאַיקאַ.

די חברה מפיצי השכלה אין ווילנע (געגרינדעט אין יאָר 1910) האָט פאַרמאָגט אַ ביבליאָטעק מיט 40.000 טויזנט ביכער, פון וועלכע 10.500 זענען געווען יידישע, 6.100 העברעישע, 5.200 פּוילישע און דער רעשט רוסישע און אַנדערע.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט (יי. וו. אָ.) האָט פונעם יאָר 1925, ווען ער איז געגרינדעט געוואָרן, ביז 1939 באַוויזן אַנצוזאַמלען אַ ביבליאָטעק פון 60.000 בענד. אַ חוץ די ספרים און ביכער האָט „ייוואָ״ פאַרמאָגט דעם גרעסטן יידישן פּרעסע־אַרכיוו אין דער וועלט ווי אויך אַ זאַמלונג פון פלוג־דרוקן, כרוזים, מודעות און דאָקומענטן, וואָס זייער צאָל איז דערגאַנגען צו אַ סך צענדליקער טויזנטער און וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט וויכטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון די יידישע קבוצים און פון דער יידישער קולטור.

אויסער דעם האָט „ייוואָ״ נאָך פאַרמאָגט:

אַ מאַנוסקריפּטן־אָפּטייל מיט כתב ידן פון קהילות און אינ־סטיטוציעס פון באַרימטע יידישע און העברעישע שריפטשטעלערס, כלל־טוערס אא״וו, אַ פּאָרטרעטן־זאַמלונג מיט אַ סך הונדערטער בילדער פון יידישע גרויסע פּערזענלעכקייטן, אַ טעאַטער־מוזיי א.ג. פון אסתר־רחל קאַמינסקי, (דער איינציקער אין דער וועלט) מיט אַ 30 טויזנט אָביעקטן פון יידישן טעאַטער, מיט בריוו, בילדער, מאַנוסקריפּטן פון אַרטיסטן און פון דראַמאַטורגן, אַ פּעדאַ־

גאַגישן מוזיי — מיט אַ מאַסע מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע און דעם מצב פון דער יידישער דערציונג, אַן עטנאָגראַפישן מוזיי מיט ווערט־פולע אָביעקטן פון יידישן לעבנס־שטייגער אין ריטואַל.

דאָס יידישע ביאַליסטאָק האָט פאַרמאָגט אַ גאָר שיינע ביבליאָטעק, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „שלום עליכם" און געציילט 50.000 עקזעמפלאַרן אין עטלעכע שפּראַכן, פון זיי די גרעסטע צאָל אין יידיש.

די ביבליאָטעק „עזרא" ביי דער יידישער קהילה אין קראָקע, געגרינדעט אין יאָר 1904 דורך ד"ר יהושע טהאָן, האָט פאַרמאָגט 36.000 בענד, צווישן זיי זעלטענע קראָקעווער דרוקן און צייטונגען, דערשינענע אין קראָקע.

די ביבליאָטעק ביי דער לעמבערגער יידישער קהילה, געגרינדעט אין יאָר 1900, האָט געציילט 26.00 בענד: העברעישע, יידישע און יודאַיקאַ־ביכער ווי אויך וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן.

די ביבליאָטעק פון דער „ישיבת חכמי לובלין" האָט פאַרמאָגט אַן ערך 12.000 בענד. צווישן זיי זעלטענע אויסגאַבעס פון ש"ס און פון דער גאַנצער רבינישער ליטעראַטור, יקר המציאותן, וואָס האָבן זייער גלייכן נישט געהאַט.

קלענערע געזעלשאַפטלעכע יידישע ביבליאָטעקן האָבן אויך עקזיסטירט אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט אין פוילן. באַזונדערס באַרימט איז געווען די יידישע ביבליאָטעק אין טשאָרטקאָוו (מזרח־גאַליציע). אויך סאַמבאָר האָט פאַרמאָגט אַ שיינע יידישע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק. דער באַוווסטער „גאָלד־פאַדען־פאַריין" אין סטאַניסלאַוו האָט פאַרמאָגט אַ רייכע זאַמלונג פון יידישע טעאַטער־פּיעסן.

פוילן האָט אויסערדעם געהאַט אַ גרויסע צאָל פּריוואַטע יידישע ביכער און ספרים־זאַמלונגען, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען זייער אַ סך יקר המציאותן. די רייכסטע פון זיי זענען געווען אין וואַרשע: די גאָר וויכטיקע העברעישע ביבליאָטעק פונעם פּריוואַטן זאַמלער ראַטנעמער, די שיינע זאַמלונגען פון פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן, פון פּראָפעסאָר משה שאָר, די פּנקסים־זאַמלונג פון ליפשיץ, די פּרעכטיקע קאָלעקציע פון פאַרשידענע תנ"ך אויסגאַבעס (2.500 בענד) פון יוסף לאַסקי. אַן אייגנאַרטיקע זאַמלונג פון כמעט אַלע אויסשניטן פון דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע וועגן דער יידן־פראַגע האָט געהאַט דער געוועזענער הויפּט־רעפערענט פאַר יידישע ענינים אין פּוילישן מיניסטעריום פאַר בילדונג און אמונה, שמואל אַדאַלבערג. עס ווערט געשאַצט, אַז די צאָל פון די פּריוואַטע זאַמלונגען פון זעלטענע ספרים און אַנטיקן איז דערגאַנגען צו הונדערט פופציק.

שלמה שווייצער

# אַלגעמיינער סך־הכל

דער קולטורעלער פֿאַנאַנדערבלי פֿונעם פּוילישן יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז נישט אָפּצוטיילן פֿון די טיפֿע געזעלשאַפֿטלעכע־פּאָליטישע אַנטוויקלונגען, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין זיינע טיפֿענישן. די דאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן ביים סוף פֿונעם פֿריערדיקן יאָרהונדערט און האָבן אַרומגענומען דעם גאַנצן יידישן מאַסיוו אין מזרח אייראָפּע. אָבער ערשט אין פּוילן פֿון צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָבן זיי, דער עיקר צוליב דעם פֿאַרנעם און דער קאָמפּאַקטקייט פֿון דעם דאָרטיקן יידישן ישוב אָבער אויך ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַלגעמיינע אַנטוויקלונגען אין לאַנד, באַקומען זייער בולטסטן אויסדרוק און זענען געוואָרן דער סטימול צו דער ברייט־פֿאַרצווייגטער אַקטיוויטעט אויסצוברייטערן און צו פֿאַרטיפֿן דאָס גייסטיקע לעבן פֿון די יידישע מאַסן.

מיטן איינברעכן זיך פֿונעם אַלטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן שטייגער פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן האָט זיך אויך בהדרגהדיק איינגעבראָכן דער אַלטער גייסטיקער שטייגער, וואָס איז געווען איינגעפֿונדעוועט אין אָפּהיטן מצוות און אין תורה־לערנען, אין רעליגיעזע טראַדיציעס און געוווינהייטן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט נישט אויסגעמיטן אויך דאָס חסידות, וואָס איז בשעתו געווען אַן עכטע פֿאָלקס־באַוועגונג און האָט אין די מאַסן אַריינגעשטראָמט נייע לעבעדיקע, זאַפֿטיקע כוחות.

די נייע טענדענצן, וואָס האָבן זיך זינט דער צווייטער העלפֿט פֿונעם פֿריערדיקן יאָרהונדערט גענומען אָנצייכענען אין פֿאָלק, דער עיקר צווישן די אויפֿגעקלערטע שיכטן, זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען באַפֿאַרבט מיט וועלט־לעכקייט. אַזאַ איז טאַקע געווען די השכלה־באַוועגונג. אָבער די השכלה, די אויפֿקלערונג, האָט צווישן די מאַסן פֿון מזרח־אייראָפּע געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי אין מערב־אייראָפּע, וווּ איר טייטש און גורל איז געווען אַסימילאַציע. דאָ, אין פּוילן, אַזוי ווי אין די אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, האָט די השכלה געבראַכט צו דער אויפֿלעבונג פֿון אַ מאָדערנער יידישער און אַ מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור און צום יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס בכלל.

די מאָדערנע באַוועגונגען (סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע), וואָס האָבן אויפֿגעשפּראָצט צווישן די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע — און בעיקר אין פּוילן — אין סוף פֿון 19־טן און אָנהייב פֿון 20־טן יאָרהונדערט האָבן דירעקט,

צי אומדירעקט געצויגן זייער יניקה פון דער השכלה און אַפילו פונעם חסידות, האָבן איבערגענומען פון זיי דאָס וואָס איז אין זיי בײדע געווען עכט פאָלקס־טימלעך און עכט יידיש.

די נייע געזעלשאַפטלעכע און גייסטיקע באַוועגונגען זענען טאַקע געווען וועלטלעך און דערמיט האָבן זיי אויסגעזען אַוועקצוגיין אין אַ זייט פון דעם אַלטן אויסגעטראָטענעם היסטאָרישן שליאַך, וואָס איז געווען אַ רעליגיעזער. אָבער אויך זיי האָבן געהאַט פאַר אַ ציל אויפצוהאַלטן די יידן ווי יידן, ממשיך צו זיין דעם קיום פון דעם יידישן קאָלעקטיוו און איינצוהאַלטן די יחידים אין אים — מיט איין וואָרט אויסצוהיטן זיי פון אַסימילאַציע.

דער יידישער יחיד, ווען דער אָביעקטיווער לעבנס־גאַנג האָט אָפּגעריסן פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, האָט אין די נייע גייסטיקע שטרעבונגען געפונען אַ נייעם לעבנס־אינהאַלט און לעבנס ציל. ער האָט זיך אַ דאַנק זיי געקענט אויסלעבן „וועלטלעך", נישט דאַרפנדיק פאַרלאָזן זיין סביבה און אָנקומען צו פרעמדע גייסטיקע קאַנאַלן און מקורות.

די יידישער ליטעראַטור (און אין אַ גרויסער מאָס אויך די יידישע פרעסע) איז געווען די צענטראַלע אַקס אַרום וועלכער ס'איז אַנגעגאַנגען און האָט זיך אַנטוויקלט דאָס יידישע קולטור־לעבן צווישן בײדע וועלט־מלחמות.

זי האָט אויסגעפירט מער ווי איין פונקציע אין יידישן לעבן. זי האָט געגעבן דעם יידישן מענטשן די מעגלעכקייט צו דערקענען זיך אַליין ווי אויך דעם כלל זיינעם. אין איר האָט זיך דער יידישער מענטש דערזען אַזוי ווי ער איז געווען. אין איר האָט ער אָפּגעפונען דעם קאָלעקטיוו, צו וועלכן ער האָט געהערט. דורך איר האָט ער געזען די וועלט אַרום זיך און זיין אייגן אָרט אין איר.

די יידישע ליטעראַטור האָט אויסגעדריקט די שטימונגען פון דעם יידישן מענטשן, האָט אַרויסגעבראַכט זיין גייסט, זיינע דאגות, זיינע און זיין כללס פּראָבלעמען, אויסגעוויטיקט זיינע ווייטיקן און אויסגעשריגן זיינע פּראָטעסטן. זי האָט דעם יידישן יחיד קלאָרער געמאַכט זיין גורל־געמיינשאַפט מיט זיין עדה און זיין איינגעפלאָכטנקייט אין דער דורותדיקער קייט פון דער יידישער געשיכטע. זי האָט אָפּגעשפּיגלט די שטרעבונגען און האָפענונגען פון דעם יידישן מענטשן, זיין דראַנג צו ענדערן זיין יחידישן און קאָלעקטיוון גורל.

אויף דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך גענומען דערציען דער יידישער מאַסן־מענטש נאָך דעם ווי ער האָט אויפגעהערט צו לעבן אויסשליסלעך אין תחום פון דער אמונה, פון חוקים און מצוות, פון בית מדרש און שטיבל. פון

איר האָט ער אין אַ גרויסער מאָס געשעפּט זיין בייע אידעען־וועלט, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אויספורעמען. די יידישע ליטעראַטור האָט אויסגעברייטערט זיינע האָריזאָנטן, אויפגעוועקט און אַנטוויקלט אין אים דאָס באַדערפעניש גייסטיק אויסצולעבן זיך, אויפצונעמען נייע געדאַנקען.

ווי פאַרשידנאַרטיק עס זענען געווען די מאָטיוון, וואָס די יידישע ליטעראַטור אין פוילן האָט אַרויסגעבראַכט אין די 25 יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז דער חורבן־תקופה, איז זייער אויסגאַנג־פונקט בדרך כלל דאָך געווען אַ געמיינזאַמער. כמעט אַלע האָבן זיי אַרויסגעשפּראָצט פון די קערנדלעך, וואָס פּרץ האָט בשעתו פאַרזייט. „די וועלט מיט יידישע אויגן געזען", „די וועלט זען און די יידישע נשמה אין איר אַנטדעקן" — האָט געהייסן פּרצעס דעוויז, וואָס האָט באַטייט, ווי יעקב גלאַטשטיין דריקט זיך אויס, אַריינגיין „אין די מאַרשירנדיקע רייען פון דער וועלט ווי באַוווסטזיניקע יידן". דאָס האָט געהייסן ווערן גלייכע שותפים צו אַלע קולטור־דערגרייכונגען פון דער ברייטער וועלט, מיטלעבן מיט דער וועלטס פּראָבלעמען, אָבער טאָן עס ווי שטאָלצע יידן, וואָס האָבן אויך זייער אייגענעם, יידישן חלק אין דער וועלטס דערגרייכונגען אַריינגעבראַכט, מיט איין וואָרט דערגיין צום סינטעז צווישן דעם אַלגעמיין מענטשלעכן און דעם נאַציאָנאַלן. זענען די פּראָבלעמען, וואָס פּרץ האָט אָנגעצייכנט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, געווען אי מענטשלעכע אי יידישע. פון זיי האָבן זיך גענומען די מאָטיוון, וואָס האָבן די יידישע ליטעראַטור נאָך פּרצן געשפּייזט: דער סאָציאַלער און דער נאַציאָנאַלער, דער יחידישער און דער קאָלעקטיווער, דער מאָטיוו פון יידישן עבר, וואָס איז געווען בכח צו ווערן אַ דינאַמישער גורם אין דער געענדערטער יידישער קעגנוואָרט און אין דער געשטאַלטונג פון דעם יידישן עתיד.

שטאָף האָט דעם יידישן דיכטער און פּראָזאַיקער אין פוילן נישט געפעלט, נישט אין אַלגעמיינעם, נישט אין יידישן לעבן. די כסדרדיקע קריזיסן, די סאָציאַלע און פּאָליטישע קאַמפן, די יידישע רעכטלאָזיקייט, אָרעמקייט און נויט האָבן זיי ממש געצוווּנגען אויפצונעמען די פּראָבלעמען און זיי אַרויסברענגען אין זייערע שאַפונגען.

דער יידישער שרייבער אינעם צווישנמלחמהדיקן פוילן איז נישט געווען אָפּגעטיילן פון דעם דאָרטיקן יידישן מאַסן־לעבן. ער האָט טיף געשטעקט אין אים, האָט עס מיטגעלעבט און מיטגעווייטיקט.

דער פון אייראָפּע אָפּשטאַמיקער יידישער שרייבער אין אַמעריקע, ווען

ער האָט באַרירט אַ טעמע פון „דער אַלטער היים", האָט ער עס געטאָן, ווי געוויסע קריטיקער האָבן זיך אויסגעדריקט, „פון אַ מעבר־לים־פּאָזיציע". ער האָט געקוקט אויף זיין אַמאָליק שטעטל פון אַ ווייטער דיסטאַנץ הן געאָגראַפיש הן צייטלעך. קען זיין, אַז ריין קינסטלעריש איז עס געווען אַ מעלה. דער יידישער שרייבער אין פּוילן האָט די דאָזיקע טאָפּלטע דיסטאַנץ נישט פאַרמאָגט. ער האָט די פּראָבלעמען און מאָטיוון אויפגענומען הייסע, צאַפּלדיקע.

ביי זיין שאַפן האָט דער שרייבער אויך נישט געקענט פאַרמאָגן די פּסיכישע רו, וואָס עס האָבן למשל פאַרמאָגט אונדזערע דריי קלאַסיקער אָדער אַנדערע שרייבער פון פאַר דער מלחמה. די צייט איז געווען אַן אַנדערע ווי די פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס יידישע לעבן מיט זיין אָרעמ־קייט און דערשלאָגנקייט איז דאָך געווען אַ סטאַבילס, כמעט אַ שטייענדיקס. צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז דער פון דורות איינגעשטעלטער יידישער לעבנס־שטייגער אין פּוילן שוין געווען אַן איינגעבראָכענער און זיינע יסודות זענען וואַקלדיקער געוואָרן פון יאָר צו יאָר. דער שפּרונג פון אַמאָליקן סטאַ־טישן קליינשטעטלדיקן פּאַטריאַרכאַלן לעבן צום מאָדערנעם געזעלשאַפטלעכן לעבן מיט די עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען, מיטן פאַרשטאַרקטן פּאָליטישן קאַמף, מיט דער פאַרצווייגטער פּאַרטיי־טעטיקייט, מיט די פאַרמעסטן פון אידעאָלאָגיעס איז געווען אַ געוואַלטיקער.

אין אַזאַ אַטמאָספער פון אינטענסיווקייט האָט דער יידישער שרייבער נישט געקענט פאַרמאָגן קיין לאַנגן אָטעם. אים האָט אינטערעסירט דאָס לויפנ־דיקע לעבן מיט זיין אומרו, מיט זיין אימפּעט, מיט זיינע ברענענדיקע פּראָב־לעמען. די מאָטיוון וואָס דער יידישער שרייבער האָט אַרויסגעבראַכט זענען געווען די געפילן און איבערלעבענישן פון דעם יידישן פאָלקס־מענטשן אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות. געווען זענען זיי פאַרשידענע, אָפטמאָל קעגנזייטלעכע. פון איין זייט — דאָס געפיל פון דורותדיקער פאַרוואָרצלטקייט אין דער ערד פונעם לאַנד, פון דער אַנדערער זייט — דאָס געפיל, אַז אַלץ ברעכט זיך איין, אַז די צוקונפט איז אַן אויסזיכטלאָזע. אַן עקשנותדיק קלאַמערן זיך איינעם אָרט און אַ ווילן נישט לאָזן זיך אויסוואָרצלען, אָבער אין דער זעלבער צייט — בהלה און עמיגראַציע־שטימונגען. דער באַוווסטזיין פון דעם יידן, וואָס קעמפט פאַר זיינע רעכט ווי אַ גלייכער בירגער פונעם לאַנד און צוגלייך דער באַוווסטזיין פון זיין אַנדערשקייט, פון זיין שטאָלצקייט, וואָס טרייבט אים צו זען זיין צוקונפט אונטער אַנדערע, נישט פּוילישע הימלען, ראָמאַנטישע בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט און שטרעבן צו באַנייען דאָס לעבן און

זייגע פֿאָרמען. דאָס איז געווען די טראַגיק פֿונעם יידישן מענטשן אינעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן, זיין צעשפּאָלטנקייט און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער ליטעראַטור. אין איר איז געשילדערט געוואָרן אי די טראַ־דיציאָנעלע היימישקייט, די פּאַטריאַרכאַלישקייט, די פֿאָלקסטימלעכקייט, די אי־דילישקייט פֿון אַמאָל (זשיטניצקי, פּערלע, גילבערט, אוליאַנאָווער), אי די צוגעבונדנקייט צו דער ערד, צו דער לאַנדשאַפֿט (קולבאַק, רחל קאָרן, ירחמיאל גרין, מ. בורשטין, בער האָראָוויץ), אי דער צעפֿאַלונג־פּראָצעס פֿונעם טראַדי־ציאָנעלן יידישן לעבן, פֿון דעם אַלטן לעבנסשטייגער, אי די געפֿאַרן, וואָס דראָען דעם יידישן קיבוץ (וואַרשאַווסקי, האָראָנטשיק, ראַשקין, בורשטין, טייטלוויז אויך פּערלע און מאַסטבוים).

נישט וויניקער פֿאַראַנקערט אינעם יידישן לעבן, נישט וויניקער נאָענט צו די יידישע מאַסן ווי דער יידישער שרייבער, איז געווען דער יידישער וויסנ־שאַפֿטלער. אויך ער האָט געאָטעמט מיט יידישע פּראָבלעמען און מיטגעליטן מיט די ליידן פֿונעם כלל. כאָטש זיינע אויסדרוק־פֿאָרמען זענען ווייט געווען פֿון די פֿונעם פּראָזאַיקער און דיכטער, ביי וועלכע שטימונגען און געפֿילן האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל, איז אָבער אויך דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער געווען באַהויכט מיט נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס איז געווען די עיקר־שטויסקראַפֿט צו זיינע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען. זיין שטרענג־וויסנשאַפֿטלעכע אָפּגעהיטקייט און אָביעקטיווקייט האָבן פֿון אים נישט פֿאַרהוילן זיין ציל, וואָס איז געווען: געבן דעם פֿאָלק דעם נויטיקן כלי זין, כדי ער זאָל זיך קענען פֿאַרטיידיקן קעגן אַטאַקעס, כדי ער זאָל קענען אויסשטיין אין קאַמף פֿאַר זיין עקזיסטענץ און פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט. אין דעם זין קען מען די אויפֿטוען און דערגרייכונגען פֿון די יידישע פֿאָרשערס מיט רעכט באַצייכענען מיטן נאָמען: יידישע וויסנשאַפֿט.

זייער ברייט איז געווען דער רעגנבויגן פֿון די שטימונגען און געפֿילן, פֿון די פֿאַראינטערעסירונגען און פּראָבלעמען, וואָס די יידישע ליטעראַטור און די יידישע וויסנשאַפֿט אינעם צווישנמלחמהדיקן פּוילן האָבן אַרויסגעבראַכט: סאָציאַלער פּאַטאָס און לעכצונג נאָך גערעכטיקייט, דראַנג צו פֿרייהייט און פֿאַרלאַנג פֿון מענטשלעכער גלייכקייט, פֿאַרטיידיקונג פֿון שוואַכע און פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג, געפֿיל פֿון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און גלוסטונג צו נאַציאָנאַלער דערלייזונג, פֿאַרהערלעכונג פֿונעם נאַציאָנאַלן עבר און קולטור־ווירונג פֿון דער פֿאָלקסטימלעכקייט, שטרעבונג צו באַנייען דאָס לעבן פֿון פֿאָלק און אַריינברענגען אין אים דאָס מענטשלעכע און דערהויבענע פֿון פֿרעמדע

קולטורן, נישט שלום מאַכן מיטן איינגעשטעלטן סדר, נאָן־קאָנפאָרמיזם, נישט אונטערגעבן זיך און ועל כולם גלויבן — גלויבן אין מענטשן און גלויבן, אַז עס וועט בעסער ווערן און אַז דער מענטש מיט זיין ווילן קען דאָס בעסערע שאַפן — אָפּטימיזם און בטחון.

אָט די שטימונגען און געפילן, אַרויסגעוואַקסענע פון די טיפענישן פון דער לאַנגער יידישער פאָלקס־טראַדיציע, פאַר וועלכער דער מענטש איז די קרוין פון דער שאַפונג און דער טייערסטער פון אַלע ווערטן, פון דער פאָלקס־טראַדיציע, וואָס איז פול מיט האָפענונג און ווייס נישט פון קיין פאַטאַליזם, זענען פאַרן יידישן שרייבער און וויסנשאַפטלער געווען געבאָטן. זיי האָבן אויסגעדריקט די שטרעבונגען פונעם יידישן מענטשן אין זיין געראַנגל פאַר זיינע רעכט, פאַר זיין קיום און פאַר אַ בעסערן מאָרגן און אים צוגעגעבן מוט אויסצושטיין אַלע נסיונות, וואָס דער גורל האָט אים אין די 25 יאָר פון דעם צווישנמלחמהדיקן פוילן באַשערט.

די דאָזיקע געבאָטן איז דער יידישער שרייבער און וויסנשאַפטלער געבליבן געטריי אין די שאַפונגען, וואָס ער האָט פאַרן פאָלק זיינעם געשאַפן. זיי האָט ער אויך איינגעהאַלטן אין די פינצטערע געטאָס, ווען ער האָט אין די גרויליקסטע באַדינגונגען, ממש אונטער די פליגלען פון טויט און ביז צו זיין לעצטער לעבנס־רגע, אויסגעווייַנט און אויסגעשריגן דעם ווייטיק און דעם צאַרן פון דעם פאַרפייניקטן און אויסגעהרגטן פאָלק.